№ 29 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem • פרייז 20 גראשען • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

# טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע

ערשטע אלעע 6. – טעלעפאן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek 17 lipca 1936 | ליכט-צינדען 7.34 | פרייטאג פ' מטות ומסעי כ"ז תמוז תרצ"ו

B. asystent klin. oczn. w Pradze Czeskiej

**Dr. med. M. LIBROWICZ**

Choroby i chirurgja oczu

przyjmuje od 10—1-ej i od 4 do 7-ej.

Al. Kościuszki 14 (II piętro).

Słoneczne

**3 POKOJE z KUCHNIĄ**

z wszelkiemi wygodami od zaraz do wynajęcia **Racławicka 5**.

**האלא וויעלון און ארומיגע שטעדטלעך**

ווער עס וויל האפען

**אַ גוטען אויוועז אָדער אַ גוטע קוך**

זאָל זיך ווענדען צום יודישען זדון, וועלכער אַרבייט גוט און ביליג

מיין אַדרעס:

**אַגוסטיאַנסקאַ 6 ביי ה' משה קאַניאַרסקי**

אין הויף.

## KOMUNIKAT.

W związku z wprowadzeniem przepisów wykonawczych do ustawy z roku 1934 o Komunalnych Kasach Oszczędności Ministerstwo Skarbu przeprowadza w poszczególnych Kasach Oszczędności tak miejskich — jak i powiatowych reorganizację, co w wielu wypadkach połączone jest z wprowadzeniem na czas reorganizacji komisarycznych władz, celem przyśpieszenia dostosowania działalności poszczególnych Kas do nowoobowiązujących przepisów.

Decyzją Ministerstwa Skarbu w porozumieniu z Ministerstwem Spraw Wewnętrznych w Komunalnej Kasie Oszczędności powiatu Częstochowskiego w Częstochowie powołano Tymczasowy Zarząd Kasy w osobach: pp. Dotychczasowego Dyrektora Brunona Batoszewickiego jako Przewodniczącego Zarządu, długoletniego zastępcy dyrektora Zygmunta Wichurę i Mieczysława Niedzielskiego.

Po przeprowadzeniu reorganizacji, Tymczasowy Zarząd przekaże urzędowanie i zda agendy Kasy Władzom, które będą wybrane, zgodnie z nowoobowiązującemi przepisami.

Z dotychczasowego Zarządu ustępuje p. Stefan Jarzębiński, gdyż nowe przepisy przewidują we władzach wykonawczych Kasy tylko urzędników stale urzędujących.

Pan Stefan Jarzębiński powołany został jako mąż zaufania na Vice-Przewodniczącego Komitetu Dyskontowego Kasy.

**FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA**

**„KRYSZTAŁ"**

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינגס = סעזאָן!

13 גר. קאָסט קראַגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאַנץ

50 גר. קאָסט א העמד

אויך נעמען מיר אָן כעמיש צו רייניגען און צו פאַרבען אַלעראַרט קליידונג.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע-קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

Spółka Instalatorów Elektryków

**„SIŁA"**

**w Częstochowie Al. Kościuszki 16**

**telefon Nr. 25-97.**

Wykonywa roboty elektrotechniczne zarówno świetlne jak motorowe, grzejnikowe i sygnalizacyjne na długoterminowe rozpłaty.

Współudział najwybitniejszych Instalatorów - Elektryków m. Częstochowy.

Kantor Wymiany i Loterji

**JOACHIM WEKSLER**

**ALEJA 6**

podaje do wiadomości, że z dniem 15 lipca b. r. przyjmuje do zamiany wszelkie papiery podlegające konwersji na

POŻYCZKĘ KONSOLIDACYJNĄ.

**SzkołaRzemieślniczo-Przemysłowa**

**dla Żydów**

w Częstochowie, Garncarska № 8.

podaje do wiadomości, że zapisy trwały do d. 15 lipca rb. Od dn. 15 lipca do dn. 15 sierpnia kancelarja jest nieczynna

**הסתדרות „תרבות" בפולניה, סניף בצ'נסטוכובה.**

ביום הראשון 19.7 בשעה 5 אחה"צ במועד הראשון וב6 אחה"צ במועד השני תתקיים במעון ההסתדרות הציונית, שדרה № 10

**אספה כללית**

סדר היום: א) נאום הפתיחה, ב) בחירת יו"ר האספה, ג) דו"ח של הועד, ד) בחירת ועד, ה) שונות.

הועד.

**PENSJONAT „POD OLSZYNKĄ"**

**w BYSTREJ** wł. Cymerman

די וויללע געפינט זיך אין אַ פּרעכטיגער געגענד. ערשטקלאַסיגע קוך אויפ'ן פערלאַנג דיעטעטישע. – שעהנע, זוניגע צימערן. – עלעקטרישע בעלייכטונג. – סאָלידע בעהאַנדלונג. – צוגענגליכע פרייזען.

**כשר! כשר!**

„פאַד אָלשינקאָן", צימערמאַן, ביסטראַ.

W niedzielę, dn. 19 lipca r. b. jako w pierwszą rocznicę śmierci nieodżałowanego Męża i Ojca naszego b. p.

**SZLAMY LIBERMANA**

odbędzie się o godzinie 12-ej w południe nad grobem Jego odsłonięcie pomnika oraz nabożeństwo żałobne, o czem zawiadamiają

**Żona i Dzieci.**

## צו אַלע יודישע הויז - בעזיצער!

די וואַהל-קאָמיסיע ביי דער יודישער קהלה אין טשענסטאכאוו ווענדעט זיך צו אלע יודישע הויז-בעזיצער, דאס זיי זאָלען ארויסבאַרגען די מעלדונגס-ביכער זייערע לאָקאַטאָרען, וועלכע פיגורירען נישט אויף די וועהלער-ליסטעס און וועלכע מוזען, ביים אריינטראָגען וועגען דעם רעקורסען אין דער קהלה, פאַרשטעלען די מעלדונגס-ביכער פון הויז, אין וועלכען זיי וואוינען.

# אַרום דעם וואַהל-פראָנט

די הכנות צו די קהלה-וואַהלען זענען אין פולען ברען. אין פערלויף פון דער וואָך זענען אבגעהאַלטען געווארען פערזאַמלונגען, קאָנפערענצען, בעראַטונגען און גלאַט שמועסען, ווי אזוי צו פערכאַפען אלץ מעהר בענקלעך אין דער היגער קהלה.

קודם כל איז געשלאָסען געווארען אַ בלאָק צווישען די ציוניסטישע ריכטונגען, צו וועלכע עס געהערען די אַלגעמיינע ציוניסטען, די יודענשטאַטלער, רעוויזיאָניסטען און „התאחדות".

די רעכטע „פועלי ציון" דאגעגען געהען מיט א בעזונדערער ליסטע. מען שמועסט אויך, אַז נאכדעם ווי אין ווארשא איז צוריק געקומען צו א פערשטענדיגונג צווישעןביידע געשפאָלטענע גרופען פון די לינקע „פועלי ציון", זאלען זיי אויך געהן צו די קהלה וואַהלען און אלס רעזולטאט דערפון זאָל אויך אין אונזער שטאדט ארויסגעשטעלט ווערען א ליסטע פון דער דאזיגער ריכטונג. קיין גרויסע שאַנסען אדורכצופיהרען היגע א מאַנדאַט האבען די לינקע פ. צ. אפילו נישט, אבער דאס זאָל זיין א געוויסע דעמאָנסטראַציע, צו בעווייזען, אַז זיי לעבען...

אין „מזרחי" איז די לאַגע נאך נישט קלאַר. ווי מען דערצעהלט זאלען צווישען זיי און די ראַדאָמסקער חסידים שוין זיין געשלאָסען געווארען א בלאָק פלומר'שט אָהן שום בעדינגונגען. גלייכצייטיג גיט מען אויך איבער, אַז יחידים פון „מזרחי" ווילען דעם דאזיגען בלאָק פערשפרייטען אויף אויף די ווארשאַווער חסידים און דערפאר זאָלען די לעצטע בעקומען הרים וגבעות.

די „אגודה" האט געפּרובט צו פערבינדען בעציהונגען מיט די ווארשאַווער, אבער צווישען די דאזיגע ביידע מהנות הערשט אַזאַ שטאַרקע שנאה, אַז יעדע פערבינדונג איז אויסגעשלאסען. די „אגודה" האט דעריבער גענומען צוציהען עטליכע היגע שטיבלעך, וואס געהערען נישט צו זייער לאַגער און צוזאַמען מיט די לעצטע שאפען זיי די וועהלער-אַרמעע.

די דעמאָקראַטען און די האַנדווערקער פיהרען זייער אַרבייט רוהיג, זיי זענען פטור פון אונטערהאנדלונגען מיט אנדערע גרופען און פון פערשידענע פערפליכטונגען אויף קהל'ס חשבון, ווייל אזוי די דעמאָקראַטען, ווי די האַנדווערקער געהען נאָר מיט אייגענע ליסטעס.

אויך ביי די קצבים, וועלכע ווילען דאפמאל אַרויסשטעלען אַנ'אייגענע ליסטע, זענען היינטיגע וואָך פארגעקומען עטליכע פערזאַמלונגען און זייער איינציגע זאָרג איז – אויסצוגעפינען א קאַנדידאַט אין דער קהלה אַריין.

וואס פאר א גורל עס וועט טרעפען דער וואַהל-אַקציע פון סוחרים פעראיין— ווייסט מען נאך נישט גענוי. ערשט אין די נאָהנטסטע טעג וועט קלאָר ווערען, צי ס'וועט פערווירקליכט ווערען זייער בעשלוס וועגען געהן מיט א ליסטע צו די קהלה-וואַהלען אדער נישט. דאס זעלבע איז אויך מיט די בעזונדערע ליסטעס פון די קליינהענדלער.

עפּיס פּיקען זיך אויך נאך אנדערע גרופּקלעך, וועלכע ס'פּערגליסט זיך קהלה-פּאָטעלען און גאַנץ מעגליך, אַז אין די נאָהנטסטע טעג וועלען מיר זיך דערוויסען וועגען פרישע קאַנדידאַטען-ליסטעס. יעדענפאלס קענען ביז'ן 14-טען אויגוסט, ווען ס'איז דער לעצטער טערמין אריינצוטראָגען קאַנדידאַטען ליסטעס, נאך פארקומען פערשידענע סיורפריזען אויפ'ן וואַהל-פראָנט.

--------

אין דער וואַהל-קאָמיסיע, וועלכע האט איהר זיץ-אָרט אין לאָקאַל פון דער קהלה, האט געהערשט אין פערלויף פון דער וואָך א שטאַרקע בעוועגונג. די פערטרעטער פון די פערשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען זענען געקומען מיט גרויסע ליסטעס פון זייערע אָנהענגער און נאָכקאָנטראָלירט צי זיי פיגורירען אויף די וואַהל-ליסטעס. א סך האבען זיך טאקי אויף די ליסטעס נישט געפונען און דעריבער זענען אריינגעטראָגען געווארען מעהרערע רעקורסען.

היינט, פרייטאג ביז'ן אווענד איז דער לעצטער טערמין נאָכצוקאָנטראָלירען די וועהלער-ליסטע און עווענטועל אריינצוטראָגען א רעקורס.

## וועגען די וואַהלען צום וועלט-קאָנגרעס

די לעצטע טעג זענען פאָרגעקומען עטליכע זיצונגען פון היגען קאָמיטעט פאַר'ן וועלט-קאָנגרעס, אויף וועלכע ס'איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען ארויסשטעלען א געמיינזאַמען קאַנדידאַט פון דער שטאדט טשענסטאָכאוו. היות ווי צוליעב געוויסע סיבות איז דערוויל נישט געקומען צווישען די פערשידענע גרופירונגען צו קיין הסכם בנוגע דעם קאַנדידאַט, איז אויף נעכטען, דאָנערשטאג ביינאכט גערופען געווארען א זיצונג, אויף וועלכער דער דאזיגער ענין זאָל ענדגילטיג ערלעדיגט ווערען.

גלייכצייטיג האבען זיך אין גאַס בעוויזען פּלאַקאַטען, אונטערגעשריבען דורכ'ן פאַרזיצער פון דער קאָנגרעס-וואַהל-קאָמיסיע ה' איזידאָר טשענסטאָכאָווסקי, אין וועלכע ס'ווערט בעקאַנט געמאכט, אז דער לעצטער טערמין אויף אריינצוטראגען קאַנדידאַטען-ליסטעס צום קאָנגרעס איז נעכטען ביז 10 א זייגער אויפדערנאכט.

## פּאָליציי נישט דערלאָזט צו א נייעם באָמבע-אַטענטאַט אין טרוסקאָלאָס.

אין א סטאָדאָלע אין טרוסקאָלאָס האט די פּאָליציי די לעצטע טעג געפונען א באָמבע פון א שטאַרקער אויפרייס-קראַפט.

אין צוזאַמענהאנג מיט דער דאזיגער ענטדעקונג זענען געווארען אַרעסטירט די צוויי מיטגלידער פון דער אָרטיגער „סטראָנניצטווא נאַראָדאָווע", דער 30-יעהריגער אנטאָני גורני און דער 20-יעהריגער פּיאָטר לאָפּאָט. צו איינעם פון זיי געהער טאָקי די סטאָדאָלע, וואו ס'איז געפונען געווארען די באָמבע.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער באָגוצקי האט ביידע בעפוילען איינצוזעצען אין אויספאָרשונגס-אַרעסט.

## עמפערענדע קלאַנגען.

אלס עפּעטערס בעווייזען זיך אין דער פּרעסע ידיעות וועגען דער מעגליכקייט פון אָבשטעלען די עליה קיין ארץ-ישראל אויף א געוויסער צייט. זיי בעווייזען זיך און — ווערען תיכף אָבגעלייקענט. אָבער שוין דער בלויזער פאקט, וואס עס קאן אין דער איצטיגער צייט ענטשטעהן אַזעלכע קלאַנגען איז זעהר כאַראַקטעריסטיש און מוז ארויסרופען אונזער גרעסטע עמפּערונג.

מיר קאנען נישט און טאָרען נישט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז די עליה — צי מיט אַ קעניגליכער קאָמיסיע אָדער אָהן אַ קעניגליכער קאָמיסיע — זאָל אפילו אויף איין טאג אבגעשטעלט ווערען. אויב דער יודישער ישוב איז ארץ ישראל, ברענגט שוין אזא לאנגע צייט די גרעסטע קרבנות אין לעבען און פערמעגען מיט אזאַ בעוואונדערונגסווערטע רוהיגקייט, אזא אייזערנער דיסציפּלין און אויסדויער, איז עס נאר צוליעב דעם געדאנק, אז די עליה — די איינציגע האפנונג פון צעהנדליגער טויזענדער יודען אין גלות — וועט אויף קיין איין מינוט נישט אָבגעשטעלט ווערען. פאר'ן דאָזיגען ציל ברענגט דער ישוב, און איז גרייט ווייטער צו ברענגען די גרעסטע קרבנות.

דעריבער דארפען די כל-ערליי קלאַנגען וועגען אָבשטעלען די עליה, קלאַנגען, וועלכע זענען זיכער פּרוב-באַלאַנען מצד געוויסע פאַקטאָרען ארויסרופען די גרעסטע וואכזאמקייט פון די העכסטע ציוניסטישע אינסטאַנצען. עס דאַרף שוין בעצייטענס בעטאָנט ווערען, אז נישט אריינגעהענדיג אין קיין שום אָבשאַצונג פון די פּאָליטישע אינטענצען אָדער ציל פון דער מאַנדאַטאַר-מאכט, וואָלטען מיר אַ עווענטועלע אָבשטעלען די עליה אפילו אויף דער קורצעסטער צייט, בעטראכט אַלס דעם גרעסטען געשיכטליכען פעררראַט לגבי דעם יודישען פאָלק, אַלס אַ ברוטאלען און אכזריות'דיגען אַטענטאַט אויף די האָפנונגען און שטרעבונגען פון די יודישע מאסען אין דער גאנצער וועלט.

דאס אָבשטעלען די יודישע עליה אפילו אויף א קורצער צייט, וואָלט פאַר אונז געווען א בעווייז, אז געזיעגט האבען נישט קולטורעלע און ציוויליזאַטאָרישע ארבייט, נישט דאס אויסטרוקענען בלאָטעס, קאַמף מיט קראַנקהייטען, בויען שאָסעען, וועלדער, שטעדט, פערוואַנדלען מדבריות אין בליהענדע גערטנער, נישט דאס ברענגען וואוילשטאנד פאר דער בעפעלקערונג, נאָר באַמבעס און מעסערס און אונטערצינדונגען און פערניכטונגען. דאס וואָלט פאַר אונז געווען א בעווייז, אז פאַר דער מאַנדאַטאַר-מאַכט איז פערשטענדליך די שפּראַך פון מאָרד און טעראָר, איידער פון פרידליכע שעפערישע ארבייט. מיר וואָלטען עס בעטראכט אַלס א בעלוינונג פאַר מערדער און באַנדיטען פאַר זייער צושטערונגס ארבייט. און דעריבער נעמען מיר אויף יעדען קלאַנג וועגען אָבשטעלען די עליה מיט'ן געפיהל פון דער גרעסטער עמפּערונג און אויפרעגונג.

ק.

## די אַראַבער-פּראָגע

פון דוד פינסקי

הערבערט מאָריסאָן, דער פיהרער פון דער בריטישער לייבאָר-פּאַרטיי, האט צוויי מאָל אָבגעגעבען א בעריכט פון זיין בעזוך אין ארץ-ישראל אין 1935, און ביידע מאָל האט ער דערצעהלט פון אַ שמועס, וואס ער האט געהאַט מיט אַראַבער-פיהרער. זיי האָבען איהם געפרעגט, פארוואס ענגלאנד איז אזוי שטארק פּראָאינטערעסירט אין א יודישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינא: „וואס געהט עס איהר אַזוי אין לעבען?“ — און ער האט זיי געענטפערט, אַז די ענגלענדער זענען אַ פרום ביבעל-פאָלק און ווייסען, אַז פּאַלעסטינא איז די יודען פערשפּראָכען געוואָרען פון גאָט. ווען זיי האבען געזינדיגט, האט ער זיי פערטריבען פון זייער לאַנד, אָבער די נביאים האבען פערשפּראָכען, אַז זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק. דערפילען די ענגלענדער די הייליגע נבואה.

מאָריסאָן האט געשמייכעלט, ווען ער האט איבערגעחזר'ט, וואס ער האט געענטפערט די אַראַבער. אפשר האט ער געשמייכעלט, ווען ער האט צו זיי גערעדט. דער פאַקט איז, אז די אַראַבער זענען נישט איבערצייגט געוואָרען און האָבען ווייטער געפרעגט: צי ווייסט ער, אַז ווען די אַנגלאָסאַקסען זענען געקומען אין בריטאַניען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, האט דאָרט געוואוינט אַנ'אַנדער פאָלק? וואס וואלטען די ענגלענדער געזאַגט ווען אַט דאס פאָלק וואלט איצט געקומען און געפאָדערט דאס לאַנד פאַר זיך? און ביידע מאָל האט מאריסאן נישט געלאָזט אונז וויסען, וואס ער האט געענטפערט די אַראַבער אויף דער דאזיגער „הארבער“ קשיה. דער איינדרוק איז געווען, אַז ער האט נישט געענטפערט, ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען. און אַנ'אָנצוהערעניש איז געווען און אויך אַנ'אַרויספאָדערונג: אדרבא, רבותי, וואס וואלט איהר דערויף געענטפערט?

טאַקע, וואס וואלטען מיר דערויף געענטפערט.

קודם-כל וואָלטען מיר — מעשה יודען — געענטפערט מיט אַנ'אַנדער פראַגע:

ווען בריטאַניען וואלט נישט געוואַרען דאס לאַנד פון הויכער קולטור און ציוויליזאַציע, בעזעצט פון איבער 50 מיליאָן מענשען, נאר וואלט געווען פערזומפּט און פערוויסט מיט אַ קליינער, שיטערער, פערווילדעוועטער בעפעלקערונג, און דאס פאָלק פון אמאָל וואלט געקומען אויפצוקויפען די זומפּען פאר זעהר הויכע פּרייזען און וואלטען זיך אונטערגענומען אויסצוטריקענען זיי און צו פערוואַנדלען זיי אין פּרוכט-ברענגענדע פעלדער און גערטנער און אויפשטעלען אויף זיי פאַבריקען און שטעדט, רייך מיט האַנדעל און וואַנדעל — וואס וואלטען די אַנגלאָסאַקסען דעמאָלט געזאָגט?

מיט 181 יאהר צוריק האבען די ענגלענדער ארויסגעטריבען די פראַנצויזען פון אַקיידיא אין דער קאנאדישער פּראָווינץ נאווא-סקאָשא. די אַקיידיער האבען זיך צושפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקא און קאנאדע געגרינדעט נייע היימען, אַמעריקאַניזירט זיך אָדער קאַנאַדיזירט געוואָרען. אבער זיי האבען אַקיידיא נישט פערגעסען. אין זומער 1930 זענען אור-אייניקלעך פון די אַרויסגעטריבענע זיך אהין צונויפגעפאָהרען פון אלע עקען פון אמעריקא און קאנאדע צו פּראַווען בציבור דעם 175-טען יאהרצייט פון זייער גלות, און זייערע רעדנער האבען פייערליך דערקלערט אויף פראַנצויזיש, אַז זיי וועלען אַקיידיא קיינמאָל נישט פערגעסען און זייערע קינדס-קינדער וועלען געדענקען, אַז זיי האבען צוויי היימען, אַקיידיא איז איצט בעזעצט און בעפעלקערט, אָבער ווען זי וואלט געווען וויסט און ליידיג — וואס וואלט דעמאָלט געגעבען די ענגלישע רעגירונג אום צוריק אריינברענגען אַהין די דאָזיגע אור-אור אייניקלעך, וועלכע ליבען אַזוי דאס לאַנד פון זייערע זיידעס?

אָבער מיר האבען נאך א סך אַ בעסערען ענטפער.

מיר האבען שטענדיג דעם בעגריף פון א יודישער נאַציע פערבונדען מיט ארץ ישראל. דורך אלע יאָהרען פון דעם לאַנגען גלות האבען מיר געוואוסט, אז מיר וועלען ווערען צוריק א פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען אין ארץ-ישראל. אלע לענדער פון דער צושפּרייטקייט האבען געהייסען גלות, די היים איז געווען דאָרטען, אין ארץ ישראל. און עס האט אויך נישט אויפגעהערט צו זיין ארץ-ישראל.

די אַראַבער האבען אָבער קיינמאָל נישט פערבונדען זייער נאַציע-בעגריף מיט ארץ-ישראל. ביז דער וועלט-מלחמה איז ארץ-ישראל געווען א טייל פון סיריע און חאָט געהערט צו דער ביירוטער פּראָווינץ. אָפיציעל האט זי ביי די אַראַבער געהייסען זיד-סיריע, און עס איז גאָר קיינמאָל קיין רייד נישט געווען פאַר א פּאַלעסטינישער אַראַבישער נאַציע. דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם איז געוואָרען איבער נאַכט, איז הוילע רשעות.

סיריער עפענדיס זענען נאָך עד היום גרויסע ערד-בעזיצער אין ארץ-ישראל. די ארץ-ישראל'דיגע אַראַבער פּראָטעסטירען נישט געגען זיי, ווייל זיי בעטראַכטען זיי נישט פאַר פרעמדע. ווי זיי בעטראַכטען נישט סיריע פאַר א פרעמד לאַנד. און זיכער איז דער ירדן פאַר זיי קיין גרעניץ נישט.

זיבען מיליאָן אַראַבער פערנעמען די לענדער פון איראַק און סיריע—א שטח ערד, וואס איז גרעסער פאַר פראַנקרייך, וואו עס וואוינען איבער פערציג מיליאָן מענשען; גרעסער פאַר ענגלאַנד, וואו עס לעבען איבער פופציג מיליאָן מענשען; גרעסער פאַר דייטשלאַנד מיט איהרע 66 מיליאָן.

וואס איז דא דער רעש וועגען ארץ-ישראל? וועמען מאכען מיר ענג?

## פּראָקלאַמירט אַ שטרייק אויף די עפענטליכע אַרבייטען.

די סעזאָן-אַרבייטער, וואס זענען בעשעפטיגט אויף די עפענטליכע אַרבייטען אין שטאדט זענען ארויסגעטרעטען מיט פאָדערונגען וועגען העכערן די לויהנגען. די שטאדט-פערוואַלטונג האט זיי אבער נישט נאכגעגעבען און די ארבייטער האבען אלס צייכען פון פּראָטעסט פּראָקלאַמירט אויף נעכטען א 1-שעה'דיגען פּראָטעסט-שטרייק. איין גרופּע אַרבייטער האט געשטרייקט פון 9 ביז 10 און די צווייטע גרופּע — פון 12 ביז 2 מיטאג.

## דער פּאַביאַניצער רבי אין טשענסטאָכאָוו.

דער פּאַביאַניצער רבי, דעם ראָפּשיצער רבי'נ'ס זוהן, ר' עמנואל וועלטפריד נ"י, וועלכער וואוינט אין לאָדז, קומט פרייטאג 2 א זייגער מיטאג קיין טשענסטאכאוו און וועט דאָ פערבלייבען 3 טעג. דער רבי וועט אין טשענסטאָכאָוו זיין דער גאַסט פון ה' שלמה גערמאַן, ווארשאווער 17.

## יאַן קעפּוראַ אדורכגעפאָהרען טשענסטאָכאָוו מיט א לוקס-טאָרפּעדאָ.

מאנטאג אין אָווענד האט זיך אין דער שטאָדט פערשפּרייט דער קלאַנג, אַז ארום 11 א זייגער אווענד וועט אונזער שטאדט אדורכפאָהרען מיט אַנ'עקסטרא טאָרפּעדא צוג קיין קאַטאָוויץ דער גרויסער זינגער יאַן קעפּוראַ.

טראָץ דער שפּעטער שעה און טראָץ דעם, וואס די דאזיגע ידיעה האט נור געהערט א קליינער טייל פון דער בעפעלקערונג, האבען זיך אויפ'ן באַהן-וואָקזאַל פערזאַמעלט אַנ'ערך 300 פּערזאָן.

פּונקטליך 11 א זייגער איז אָנגעקומען דער טאָרפּעדא צוג און זיך אָבגעשטעלט אויף דער היגער סטאַציע. אין איינעם פון די פענסטער האט זיך בעוויזען קעפּוראַ. דער וואַגאָן איז געוואָרען בעלאַגערט דורך די פערזאַמעלטע, וועלכע האבען פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל זינגען. קעפּורא האט אבער אבגעזאגט ערקלערענדיג, אַז דער צוג וועט שטעהן אויף דער סטאַציע בלויז 1 מינוט.

אויף די פיעל געשטעלטע פראַגען האט קעפּורא געענטפערט: — איצט פאָהר איך פון ווארשא קיין קאַטאָוויץ, דאַן אינ'ם שלאָס פון מלוכה-פּרעזידענט אין וויסלא. ווייטער פאָהר איך קיין ווענעדיג אויף א פילם-קאָנפערענץ, נאָך וועלכער איך וועל אין אויגוסט צוריקקומען קיין קריניץ.

דאַן זענען געוואָרען דערלאַנגט דעם מייסטער קעפּורא א רייהע אויפנאַהמען פון זיין לעצטען בעזוך אויף דער יאַסנאַ-גורא אין אויגוסט 1934 ווי אויך בלומען.

צום סוף האט קעפּורא פערזיכערט, אַז אין אויגוסט וועט ער קומען קיין טשענסטאָכאָוו און זינגען אויף דער יאַסנאַ-גורא.

די טאָרפּעדאָ הויבט אָן צו ריהרען פון אָרט און דער פערזאַמעלטער עולם מאכט דעם גרויסען קינסטלער אָוואַציעס און אויסגעשריען: „זאָל לעבען“.

## וועגען "צוריק עפענען" דאס אינהאַלאַטאָריום.

ס'ווערט מיטגעטיילט, אַז די אובעזפּיעטשאַלניע וועט צוריק עפענען דאס שוין א לענגערע צייט נישט טעטיגע אינהאַלאַטאַריום, וואס איז פון די אָמבעסטען איינגעריכטעטע אין גאַנצען לאַנד. געניסען פונ'ם איגהאַלאַטאָריום וועלען קענען אלע מיטגלידער פון דער אובעזפּיעטשאַלניע. אהין וועלען ווערען געשיקט די דאָזיגע אַרבייטער, וואס אָטעמען אריין שטויב א. א. בעת דער אַרבייט. און ליידען פון דער צווישען זיי פערשפּרייטער קאַנקוריט, וואס רופט זיך לונגען-פּעראומרייניגונג.

## ווען ס'וואָלט געווען פערקעהרט...

א וואהל-פּעליטאַנדיל

— וואס זאגט איהר נישט צו דעם נייעם אָנשיקעניש: וואהלען גאָר אין מיטען דערינען — אט מיט אזא מין מענה-לשון איז צו מיר אַריין מיין שכן גרונם פלטיאל; מעהר פעהלט אונז גאָרנישט, מיט אלעם זענען מיר שוין פערזאָרגט, נאר בלויז וואהלען האבען אונז געפעהלט.

— וואס אַרט אייך די וואהלען — רוף איך מיך אָב צו מיין שכן — אדרבה, זאל זיין א „רוך“ אין שטעדטיל, ווארום אלע מאָל אין דער צייט איז אוגערקע-סעזאָן, מען געניצט פאר ליידיג-געהן; היי יאהר אָבער וועט זיין פרעהליך, מען וועט „וואלען“ אין קהלה-שטיבעל.

— צוריק געשמועסט, זענט איהר אויך גערעכט—ענטפערט מיר גרונם פלטיאל, אדרבה, זאל זיין לעבעדיג אין שטאדט. כאָטש איך האָב געגלויבט, אז קיין וואָהלען וועלען אינגאנצען נישט פאָרקומען, ווארום, וועלכער משוגע'נער וועט דאס וועלען געהן מיט א געזונדען קאָפּ אין א קראַנק בעט אריין... און אז די קהלה איז א קראַנק-בעט—דאס איז דאָך א בעשטימטער כלל, בין איך געווען זיכער, אז צווישען די 30 טויזענד טשענסטאכאווער יודען וועט זיך נישט געפונען קיין משוגעים, וואס זאָלען וועלען זיך איינשפּאַנען אין דעם דאָזיגען קהלה-וואָגען, ביי וועלכען די רעדער זענען צוברָאכען, און אויב מען וועט זיי נישט שמירען, איז מעהר ווי זיכער, אז זיי וועלען בלייבען ערגיץ שטעקען... איז אָבער דער יצר הרע ביי יודען אזוי גרויס, אז פאַר א שטיקעל בענקיל וועלען זיי געהן אפילו אויף סכנות-נפשות. טאָ אנשטאט צו קומען צו דער אויפזיכטס מאָכט און זאגען: מיר זענען אייך מוחל די גליקען מיט די וואָהלען, האבען די יודישע קהלות אָנגענומען די גזירה-וואָהלען און זענען צוגעטרעטען צו מאכען די וואהל-קאָמעדיע.

די וואהלען האָבען, צווישען זיך גערעדט, אויך אַ גרויסע מעלה — זאגט ווייטער מיין שכן. עס איז נור א שאָד, וואס די צוגרייטונגען צו די וואהלען דויערען זעהר קורץ, סך-הכול אַ פּאָר וואָכען, און די קאַדענץ פון דער קהלה, ווען די דאזערעס זיצען שוין אויף די בענקלעך דויערט 4 אדער 5 יאהר. ווען ס'וואָלט געווען פערקעהרט, ווען די צוגרייטונגען וואלטען געדויערט 4 יאהר און די קאדענץ נישט מעהר ווי א 4—6 וואָכען, וואָלט אַ „נאַש-בראַט“ אויך געוואוסט פון אַ לעבען.

ווען איך פרעג מיין שכן וואס ער מיינט דערמיט צו זאגען, גיט ער מיר עס צו פערשטעהן אויף פאָלגענדען אופן: די אָלע חברה-לייט, וועלכע ווילען זיין די ראשי-הקהל, פערנעמען דאך אָמטען אין פערשידענע אינסטיטוציעס, איז אויב אַ גאַנץ יאָהר קען מען צו זיי נישט צוקומען, אויב אַ נאַנצע צייט פון זייער קאַדענץ, בעת זיי זיצען שוין אויף די בענקלעך, בלאָזען זיי פון זיך, ווערען זיי בעת דער פאַרברייטונגס-צייט צו די וואהלען זיס ווי האָניג. זיי ווערען דאמאלס „טרייע“ פּערזאָרגער, זייערע פערשטיינערטע הערצער ווערען ווייך ווי פּוטער און זיי זענען גרייט אייך צו העלפען מיט אלעם, וואס אייערע ליפּען וועלען נאָר ארויסזאָגען.

אָט וועל איך אייך דערצעהלען — ציהט ווייטער מיין שכן — וואס איך האב אליין געהאט און ווי אַזוי מען האט מיך בעהאַנדעלט.

מיין ווייב'ס קוזינקע איז די לעצטע טעג זעהר קראנק געוואָרען און דער דאקטאר האט פערשריבען, אַז זי מוז שוין אָוועק אין שפּיטאָל. איך בין אָוועק צום שפּיטאָל - קוראַטאָר און — ס'האט נישט געדויערט קיין האלבע שעה און דאס קוויטעל איז שוין געווען אונטערגעשריבען. דערביי האט דער קוראַטאָר צו מיר העפליך געשמייכעלט און מיך געפרעגט, צי איך האב נישט נאָך עמיצען פון מיין משפחה, וואס נויטיגט זיך אין א שפּיטאָל — ער איז גרייט אַלעמען אַריינצונעמען. שטעלט מען זיך אָבער פאָר, ווי אַזוי סקומט אָן אַ א גאַנץ יאהר מיט גרינגע ווערים, ביז מען בעקומט ארויס אַ קוויטעל אַרייגגענומען צו ווערען אין שפּיטאל, וועט איהר פערשטעהן, אַז אויב דאס מאל איז מיר עס אַזוי גרינג אָנגעקומען, איז עס נאָר א דאנק דעם, וואס אין א פאָר וואכען ארום וועלען פאָרקומען קהלה-וואהלען. צווישען אונז זאָל עס בלייבען — בויגט זיך צו מיר איין מיין שכן און רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער — האב איך אויסגענוצט די סיטואַציע און האב אויך פערשריבען מיין שוויגער אין שפּיטאל אריין. זאל זי זיך אַ ביסעל אָברוהען איהרע אַלטע ביינער, און אויב זי וועט דארט ליגען אפילו נאר איבער די וואהלען, איז עס אויך כדאי...

דאס זעלבע איז מיט דער דירה-פראַגע — דערצעהלט ווייטער מיין שכן. איך קאן א הויז-ווירט, וועלכער וועט צוליעב צוויי גילדען, וואס מען בלייבט איהם שולדיג שלעפּען אין סאָנדעס, מאכען קאָסטען אויף צענדליגער גילדען און געהן אפילו נאָך ווייטער... היינט אבער קאנען די לאָקאַרען זיין רוהיג. ביז איבער די וואהלען וועט שוין דאָרט ביי דעם הויזווירט הערשען שלום ושלוה. נאכמעהר איצט קאנט איהר ביי איהם אלץ פועל'ן, אפילו רעמאָנטען וועט ער אייך מאכען. אמת, שפּעטער, נאָך די וואהלען וועט ער זיך דאס אלעס ביי לאָקאטארען וועלען אָבנעמען, אָבער א חי-שעה איז אויך גום... און דאס איז אלץ א דאַנק דעם, וואָס אין א פּאָר וואָכען ארום וועלען פאָרקומען וואַהלען און אונזער הויז - אייגענטימער האט חשק צום קהלה-בענקיל.

ווער שמועסט, אז איהר דאַרפט עפּעס פון דער קהלה איז דאָך גאָר א מחיה. ווי-נאָר איהר קומט ארויף אין דער קהלה קענצעלאַריע שטעהען אלע דאַזאָרעס גרייט און ווי-נאָר זיי דערזעהען אַנ'אינטערעסאַנט, לויפען זיי גלייך צו און פרעגען איהם, וואס ער וויל, און ער ווערט טאַקי באַלד גיג-סטיג ערלעדיגט.

אזוי איז אויך בנוגע אלע אנדערע ענינים, סיי ביי הלואות, סיי אין דער מקוה. וואס דאַרפט איהר מעהר—אפילו אין דער שטאדט שוהל וועט איהר דערפיהלען, אז ס'געהט צו וואָהלען. דאס זעלבע איז אויך מיט אלעם, וואס האט נאָר א שייכות מיט פילאַנטראָפּיע, געזעלשאַפטליכער ארבייט, אומעטום ווערסטו גוט בעהאנדעלט, בעציהט מען זיך צו דיר העפליך. קומסטו אין סוחרים-פעראיין, קליינהענדלער-פעראיין, האנדווערקער-פערבאַנד איז, אנשטאט, וואס א גאנץ יאהר ביזטו געווען אַנ'איבריגער, אפּיאָנעק, ווערסטו דורך די יעצטיגע פאַר וואָכען א גאנצער העלד. אלע בעדינען דיך, אלע זאָרגען פאר דיר און ווילען דיר נאָר גוט'ס טהון, דאס איינציגע אומגליק איז נאָר—פערענדיגט זיין געשפּרעך גרונם פלטיאל— וואס די פאַרבערייטונגס ארבייט צו די וואהלען דויערען אזוי קורץ און די קאַדענץ אזוי לאַנג. אָה, ווי גוט וואָלט געווען, ווען ס'וואָלט געווען פערקעהרט, דאמאלס וואָלט פאַר אונז, פאַר דער גרויער מאַסע א סך בעסער געווען. די וואהלען וואָלטען געווען אַברוה, ווען—ווען ס'וואָלט נאָר געווען פערקעהרט...

סמאַל.

# צוטיילען די מחנות

פון ש. ניגער

די צייטונגען זענען פול מיט טרויעריגע נייעס. מ'שלאגט יודען, מ'מאכט אויף אונז פאגראמען. מיר שיצען זיך, מיר שטעלען זיך אנטקעגען, אבער עס העלפט נישט. די העצעס הערען נישט אויף, עס ברענט א גהינום פון שנאה. און נישט נאר אנטיסעמיטען ווערען אונזערע שונאים. און ס'איז קיין נפקא מינה נישט, ווער עס רייצט זיי אן אויף אונז, וואס עס רייצט זיי אויף קעגען אונז. אלצאיינס צינדען זיי אונזערע הייזער, פערברענען אונזערע פעלדער און גערטנער, שיסען, שטעכען מיט מעסערס, ווארפען באמבעס, צושטערען, וואס מיר בויען, שטעלען אין סכנה אונזער לעבען, אונזער עתיד...

טרייסטען זיך עטליכע דערמיט, וואס זיי רופען עס אן „מלחמה-פראנט", ווען עס רעדט זיך וועגען ארץ-ישראל. איך ווייס נישט, וואס פאר א גליק אונז האט געכאפט, אויב עס איז א מלחמה-פראנט. איך פרעה זיך נישט מיט קיין שום מלחמה, בפרט נאך מיט א מלחמה צווישען יודען און אראבער, שכנים פון איין לאנד.

מ'גיט אונז גוטע האפנונגען: ס'איז א שלאכטפעלד, זאגט מען אונז — און מיר דארפען זיך נישט ריכטען אויף אידילישע סצענעס. מיר מוזען זיין גרייט צו הערען, אז עס גיסט זיך בלוט — און „זיין רוהיג"... נו, אפשר האט די שטרעבונג צו „זיין ווי אלע פעלקער" שוין דערצויגען ביי אונז מענשען, וועלכע רויכערען זיך רוהיג זייערע ליולקעס, ווען עס קומט אן „נייעס פון מלחמה-פראנט". מיר, גלות-יודען, זענען נאך אלץ שוואכע „וואיאקעס". און ווען מיר דערוויסען זיך, אז יודען מוזען זיך בעוואפענען אדער בעהאלטען זיך הינטער בעוואפענטע, צו זיין זיכער מיט'ן לעבען, ווערט אונז אומעטיג אויפ'ן הארצען. עס וואכט אין אונז אויף דער טרויער פון דורות....

מיר מעגען האבען ווי גוט איינגעחורט דעם אונטערשיעד צווישען פוילען און פאלעסטינא, גלות און ארץ ישראל, דערמאהנען מיר זיך נישט ווילענדיג אין בעקאנטע בילדער, ווען מיר לייענען, אז יודען מוזען פאהרען אין בעזונדערע וואגאנען, ווען מיר לייענען, אז יורען מוזען פערלאזען די גאסען, די געגענדען, וואו זיי געפונען זיך אין א קליינער צאהל, ווען מיר דערוויסען זיך, אז די איינציגע האפנונג אינ'ם נאהנטען עתיד איז זעלבסטשוץ און פערשטארקטע פאליציי.

מיר קענען נישט שלום מאכען מיט'ן געדאנק, אז דאס איז די איינציגע האפנונג.

עס מוזען זיין אנדערע וועגען אויך. זיי מוזען געזוכט ווערען, געשאפען ווערען. פריהער ווי אלץ אין פאלעסטינא גופא, און אין פוילען גופא, אומעטום. מיר טארען נישט מאכען קיין הסכם ביי זיך, אז מיר לעבען אויף א וואולקאן, עס וועט זיך אויסארבייטען ביי אונז א געפעהרליכע פסיכאלאגיע, די פסיכאלאגיע פון א גערודפטער חיה, אויב מיר וועלען זיך פיהלען געצוואונגען צוצופאסען זיך צו א לעבען פון שטענדיגען זעלבסטשוץ. מיר זענען א פרידליך פאלק, און אויב מיר מוזען ווערען א מלחמה-שבט, וועלען מיר טייער צו טייער בעצאהלען פאר אט דעם איבערברוך אין אונזער געשיכטע, אין אונזער מאראל. עס וועט זיך מוזען ענדערן ביי אונז די ערציהונג, אונזער גאנצע קולטור. אויס קול יעקב; מיר וועלען אויף דער עלטער מוזען אנקומען צו עשו'ס הענד, צו עשו'ס שווערד. אויפ'ן ארט פון מרפז רוחני וועט אויסוואקסען א מלחמה-לאגער.

האלט איך פון זיידען יעקב'ס אלטער סגולה: צוטיילען די מחנות.

אויב אונז איז בעשערט אין איין לאנד צו „פיהרען מלחמה" און צו מוזען זיך שיצען קעגען פאגראמען אין אנדערע מדינות, זאלען מיר זיך דערמיט נישט בעגנוגענען. און אויב עס עפענען זיך מעגליכקייטען פון א פרידליכען שאפען, זאלען אויך יענע מעגליכקייטען נישט פערנאכלעסיגט ווערען.

מיר טארען נישט פערגעסען אונזער גרויסע היסטארישע ערפאהרונג. זי לערנט אונז צו זיין איינגעשפארט, ווען עס רעדט זיך וועגען ענדציעל, אבער נישט בנוגע צו די מיטלען און וועגען. מיר קענען זיך נישט פערגינען צו געהן אויף איין וועג, מיר טארען זיך נישט אנכאפען פאר איין מיטעל און איינרעדען זיך, אז דאס איז דער איינציגער און דער לעצטער מיטעל.

אפילו ווען מיר זאלען זיין זיכער, אז אונז וועט געלונגען בייצוקומען אלע סכנות אין פאלעסטינא, וואלטען מיר נישט געדארפט לאזען איהר איינשלינגען אונזער גאנצען נאציאנאלען אויפמערק.

מעג אין נאהנטסטען עתיד אפילו זיין א מיליאן יודען אין ארץ-ישראל. מעג זיין מעהר, וועט דאס נאך אלץ נישט זיין דאס יודישע פאלק—און נישט דערפאר, ווייל עס זענען דא זעכצען אדער זיבעצען מיליאן יודען אין דער וועלט, נאר צוליעב דעם אייגענארטיגען כאראקטער, וואס וועט זיך אויסארבייטען ביי דעם יודישען קבוץ אין א"י.

דאס וועט, נישט געקוקט אויף אחד העם'ס נביאות און אי־עאל, זיין א קיבוץ, וואס וועט א לאנגע צייט מוזען טראכטען מעהר וועגען בנין הארץ, ווי וועגען בנין האומה, ד"ה מעהר וועגען ערדישע זאכען, ווי וועגען רוחניות. דאס וועט זיין א קיבוץ, וואס וועט א לאנגע צייט מוזען שטעהן אויף דער וואך, שטעהן א בעוואפענטער און א גרייטער אבצושלאגען אטאקעס, שטעהן און האלטען אין איין האנד ארבייטגעצייג און אין דער צווייטער געווער, וועט דאס אריינגיסען אין אונזערע אדערן נייע בלוט, אויספורעמען אין אונזער כאראקטער נייע שטריכען, ענטוויקלען אין אונז נייע פעהיגקייטען, אבער מיר דארפען נישט וועלען, אז דאס זאל ווערען אונזער הויפט כאראקטער און הויפט פעהיגקייט. מיר דארפען ווערען רייכער פון די נייע ענערגיעס, וואס פאלעסטינא וועקט אין אונז, נישט ארימער ווערען.

דער נייער ישוב אין ארץ-ישראל איז שוין איצט א געוואלדיגער געווינס, אז אונגעהויערע בערייכערונגען פון אונזער פאלק, אבער נאר ווי ווייט ער איז א גרויסער צוגאב צום יודישען לעבען, נישט ווי א במקום יודיש לעבען.

אזוי פיהל איך,—און מיר דוכט, אז אלע יודען וואלטען אזוי געדארפט פיהלען. זוכען א המשך, נישט וועלען אנהויבען פון אנהויב. אונזער גאנצער כח ליגט דערין, וואס מיר זענען א המשך, אנ'אלטער שטאם, פון וועלכען עס וואקסען פסדר ארויס נייע צווייגען. נישט טוליען זיך צו איין צווייג, מעג ער ווי שעהן בליהען, און פערגעסען אן דעם שטאם...

צוטיילען די מהנה—הייסט אין זינען האבען אלע צווייגען.

פאהרען יודען קיין ארץ ישראל—זאלען זיי פאהרען. און זאל מען זיי העלפען זיך בעזעצען דארט, און זאל מען שטארקען זייערע הענד, זיי זאלען זיך קענען שיצען געגען אומגערעכטע אנפאלען. און אויב אנדערע יודען זענען גרייט צו פאהרען קיין בירא-בידזשאן—זאל אט דער נייער צווייג,—דער אויטאנאמער יודישער געגענד, וואס וועט ווערען אינגיכען א יודישע רעפובליק—אויך נישט פערזעהן ווערען. צי וועלען מיר נישט האבען גענוג יודען פאר ארץ-ישראל, אויב בירא-בידזשאן וועט געבויט ווערען? און פערקעהרט—וועט דען „דער אויטאנאמער יודישער געגענד" אין ראטען-פערבאנד ליידען דערפון, וואס עס ווערט פערשטארקט די יודישע היים אין פאלעסטינא?

עס איז דא א קאנקורענץ צווישען אידעאלאגיעס, אבער צווישען די עצם פראצעסען פון בויען און איבערבויען דאס יודישע לעבען איז נישטא קיין קאנקורענץ. די פערשידענע לעבען פראצעסען און אויפלעבונג-בעוועגונגען שטערען נישט, נאר פערקעהרט, העלפען, איינע די אנדערע.

דער ישוב פון יודען אין פוילען אדער אין דייטשלאנד וואלט געווען נישט אין ערך געפעהרליכער, ווען עס זאלען נישט זיין קיין יודישע ישובים אין אנדערע לענדער. און ווי וואלטען זיך פיהלען איצט יודען אין ארץ-ישראל, ווען זיי זאלען נישט וויסען, אז עס זענען דא מעכטיגע יודישע ישובים אין גלות? עס איז גענוג טרויעריג די לאגע אין פאלעסטינא, מעג מען אונז טרייסטען פון אלע זייטען אבער דער טרויער וואלט געווען נאך טיפער און די מורא—גרעסער, ווען דער איינציגער אנהאלט פון דעם ארץ-ישראל'דיגען ישוב וואלטען געווען די יודען פון ארץ-ישראל. עס איז באמת, ווי עס שטעהט ערגיץ אין מדרש, א גליק פאר יודען („צדקה עשה הקדוש ברוך הוא לישראל"), וואס מיר זענען צוטיילט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, און ווען עשו שלאגט איין מחנה, ווערט די אנדערע ענטרונען—און קומט איהר צו היילף.

# נייע טשעכישע ערפינדונגען

פון ד"ר פ. לאגשטיין, פראג

דער ארבייטס-אמט אין גענף האט איצט ווידער ארויסגעגעבען א רשימה פון יענע ערפינדונגען, וואס זענען אין דער וועלט געמאכט געווארען. א גאנץ גרויסען טייל פון די ערפינדונגען האבען געמאכט די טשעכען.

אויפ'ן פראגער יריד וועלען איצט זיין צו זעהען די דאזיגע ערפינדונגען, פון וועלכע איך בין אין דער לאגע שוין איצט עפיס צו זאגען.

צומייסט האט מען ערפינדען נייע שטוב-זאכען, מ'קען אלץ נישט ליידען ווי אונזערע ווייבער פלאגען זיך נעביך מיט זייער ווירטשאפט, האבען נישט קיין צייט צו מאכען א טענציל אדער צו שפילען א ברידזש, האט מען צוליב זייער בעקוועמליכקייט ערפינדען פערשידענע שטוב זאכען וואס מהיען אלעס, וואס די בעל-הבית'טע האט געדארפט צו טהון.

זיי קאכען, באקען, שניידען קרויט, נעמען ארויס די קערלעך פון אויבסט מיט איין ווארט: א פעריל אין שטוב.

אנדערע מאשינדלעך ווידער וואשען וועש, פרעסען און פוצען אלערליי בגדים וכדומה. מיט איין ווארט, מ'ברויכט ממש נישט צו טהון די האנד אין קאלטען וואסער און אלץ איז אלרייט...

אויך פאר די מאנסבילען האט מען זיך געזארגט. מ'גאלט זיך מיט די מאשינדלעך, אהן זייף און אהן פינזלען און מ'ווערט ממש אנ'אנדערער מענש פון די פערשידענע אפאראטען, וואס וועלען זיין צו זעהן.

דערצו קומען נאך הונדערטער נייע חפצים צו מאכען טינט, צו קאכען מארמעלאדע, עלעקטרישע זייגערס, וואס בלייבען קיינמאל נישט שטעהן. נייע חפצים אויס אלומיניום, וואס זעהן אזוי אויס ווי זילבער און ס'מוז קומען א גרויסער מבין, ער זאל זיי דערקענען, פונקט דאס זעלבע איז בנוגע קינסטליך ציהרונג. דאכט זיך די יובילערען אליין דערקענען נישט מעהר וועלכעס ס'איז עכט און וועלכעס ס'איז פאלש.

מיט איין ווארט, חדושים און חדושים זענען איצט ערפינדען געווארען, פון וועלכע מ'האט קיינמאל אפילו נישט געחלום'ט, אז אזעלכעס קען מעגליך זיין.

# קאמוניקאט פון לעקסיקאן פון יודישע געזעלשאפטליכע טהוער אין פוילען

אונטער'ן עהרען פראטעקטאראט פון די ה"ה: הרב פראפ. ד"ר סעג. משה שאר, דעפ. ד"ר יהושע גאטליב, מיטגליד פון ווארשאווער ראבינאט הרב שלמה דוד כהנא, געוו. וויצע פרעזעס פון ווארשאווער שטאדט-ראט מאוריצי מייזעל, פראפ. ד"ר מאיר באלאבאן און רעד. נחמיה פינקעלשטיין איז א גרופע בעקאנטע שריפטשטעלער און געזעלשאפטליכע טהוער אין פוילען, וועלכע זאל ארומנעהמען די וויכטיגע געזעלשאפטליכע טהוער אויף אלע געביעטען פון יודישען לעבען און בייבען א אייביגער דענקמאל פאר זייערע אנשטרענגונגען און מיה, א בעווייז, אז זייער לעבען איז נישט ווערטלאז פערלוירען געגאנגען, א דענקמאל פאר די גרויסע און אויך פאר די קלענערע. דער דאזיגער לעקסיקאן דארף זיין א שטרענג-אביעקטיווע אבשפיגלונג פון יעצטיגען דור און א מאנומענט פאר די קומענדע דורות.

פאר'ן געזעלשאפטליכען לעקסיקאן האט זיך קאנסטיטואירט א רעדאקציע קאלעגיום אין צוזאמענשטעל פון די ה"ה: רעד. נח פרילוצקי, ד"ר ר פעלדשוה, רעד. אהרן צייטלין, דאצ. ד"ר מ. שטיין, דאצ. ד"ר י. אסטערזעצער, רעד. יהושע געלדפארב, ד"ר ז. כהנא און רעד. א. בן-יעקב.

דער פערלאג אין וועלכען שפיץ עס שטעהט ד"ר ר. פעלדשוה, ענדיגט שוין די ארבייטען ארום דעם ערשטען באנד „ווארשא", אין וועלכען עס וועלען אריינגעהן די וויכטיגע עסקנים פון ווארשא. נאכ'ן ארויסגעבען דאס ערשטע בוך טרעט צו דער פערלאג ארויסצוגעבען די ווייטערע בענדער פון לעקסיקאן, אין וועלכע עס וועלען אריין די עסקנים פון דער פראווינץ. צו דעם צוועק איז שוין אנגעקניפט געווארען א קאנטאקט מיט א טייל פון די גרעסערע שטעדט אין פוילען און עס זענען איבערגעשיקט געווארען אינסטרוקציעס, ווי אזוי דורכצופיהרען די ארבייט פאר'ן לעקסיקאן. אויך פיעל קלענערע שטעדט און שטעדטלעך האבען זיך שוין אבגערופען און געשטעלט זיך אין פערבינדונג מיט דעם פערלאג.

בכדי צו פערלייכטערען דעם פערלאג די ארבייט איז בעשלאסען געווארען אנצוקניפען א קאנטאקט מיט די שטעדט און שטעדטלעך פון דער פראווינץ דורך א ספעציעל בעפולמעכטיגטען קארעספאנדענט. למען שטרענגער אביעקטיוויטעט דארף דער קארעספאנדענט, וועלכער וויל מיטהעלפען דער רעדאקציע אין דער ארבייט, איבערשיקען א בעפולמעכטיגונג, בעשטעטיגט און געזיגעלט דורך אלע וויכטיגע ארגאניזאציעס, אינסטיטוציעס, געזעלשאפטען און פעראיינען, אין וועלכער עס זאל בעטאנט ווערען, אז די ארגאניזאציעס א. א. בעפולמעכטיגען צו שטעהן אין א קאנטאקט און ערלעדיגען אין זייער נאמען אלע פארמאליטעטען, וועלכע זענען פערבינדען מיט די ארבייטען פאר'ן לעקסיקאן.

דער פערלאג פון לעקסיקאן ווענדעט זיך דעריבער מיט דער ביטע צו אלע קהלות, וויכטיגע אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס, פעראיינען א. א. זיי זאלען אונטערנעהמען די איניציאטיוו און צונויפרופען א זיצונג און אויסוועהלען א קארעספאנדענט פאר'ן לעקסיקאן. דער קארעספאנדענט דארף פיהרען די ארבייט אביעקטיוו, כדי אויסצומיידען וועלכע עס איז פראטעסטען פון יחידים און אינסטיטוציעס.

אין אלע אנגעלעגענהייטען פון לעקסיקאן זיך ווענדען לויט דעם אדרעס:

לעקסיקאן פון יודישע געזעלשאפטליכע טהוער אין פוילען – רעדאקציע און אדמיניסטראציע – ווארשא, לעשנא 66, וו. 18, טעלעפאן 47 11-31.

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## כ'בעקום אורלויב

געניג מיה און אנשטרענגונג האט מיך געקאסט, ביז כ'האב ענדליך ארויסבעקומען פון שעף-רעדאקטאר די הסכמה אויף מיין אורלויב.

לכתחילה האט דער רעדאקטאר דערפון נישט געוואלט הערען.—ווי וואגט איהר באלד דאס צו בעטען—האט ער אויף מיר אנגעשריגען. מיר שטעהען ערב וואהלען צו דער קהלה, ס'וועלען פיגורירען א צוויי צעהנדלינג ליסטעס, מען וועט דארפען נעמען אינטערוויאוען פון די פערשידענע קאנדידאטען, אויספארשען זייער פסיכישען צושטאנד (וואדום וועלכער נארמאלער מענש וועט דאס מסכים זיין זיך ארויסצושטעלען איצט אלס דאזאר אין דער קהלה אריין...) און דא ווילט איהר זיך גאר אוועקפאהרען אין דארף, זיך קוויקען מיט דער לופט פון די וועלדער און בערג—אזוי האט מיט מיר איינגע'טענה'ט מיין רעדאקטאר. און צווישען אונז זאל עס בלייבען, איז ער טאקי גערעכט אויך וואדום אזא גראטשקע טרעפט דאך נישט אלע יאהר. איך האב אבער געפיהלט, אז איך מוז אוועקפאהרען, ווארום די געשעהענישען פון די לעצטע חדשים: טרוסקאלאס, קלאבוצק, פזשיסטאין, פשיטיק, מינסק-מאזאוויעצק, האבען מיר מיינע נערווען אזוי אבגעשוואכט, אז ס'איז ווירקליך נישט געווען מעהר אויסצוהאלטען. דעריבער האב איך מיך געוואנדען צום שעף-רעדאקטאר בזו הלשון:

פאניע רעדאקטארזע! איהר דארפט די זאך נישט נעמען אזוי טראגיש. ראשית, וואס שייך די קהלה-וואהלען, בין איך זיכער, אז ס'וועט קומען צו אנ'איינהייטליכע ליסטע פון אלע יודען, ווארום, אדרבה, לעזט די ארטיקלען, וועלכע דריקען זיך יעדע וואך אין אונזער צייטונג, וואס רופען צו אחדות און שלום. אויב אזוי וועל איך דאך פערשפארען צו נעמען אינטערוויאוען מיט אנדערע מעשות, והשנית, אויב ס'וועט נישט קומען צו קיין שלום, נאר ס'וועלען טאקי זיין א צוויי צענדליגג ליסטעס און מען וועט מוזען אלעס אבסערווירען, מוז איך טאקי ערשט רעכט אוועקפאהרען אויף א געוויסע צייט, כדי אנצוזאמלען כחות אויף דער שווערער ביטערער הארעוואניע, וואס מיר שטעהט פאר ביי די וואהלען. ווארום טאמער וועל איך נישט אוועקפאהרען זיך אברוהען און טאקי גלייכצייטיג זאמלען כחות, וועל איך איבערהויפט נישט זיין אימשטאנד עפעס צו טהון ביי די וואהלען.

די דאזיגע ארגומענטען האבען ענדליך א בערצייגט מיין רעדאקטאר און ער האט מסכים געווען אויף מיין אורלויב. דערביי האט ער מיר אבער געשטעלט צוויי בעדינגונגען: ערשטענס, זאל מיין אורלויב נישט דויערן מעהר, ווי העכסטענס צוויי וואכען; צווייטענס, זאל איך נישט פאהרען ווייט, דארט אונטער די הרי-חושך, נאר דא גאר נאהנט, אזוי אז טאמער בין איך נויטיג איידער די צוויי וואכען וועלען זיך ענדיגען, זאל מען מיך קאנען באלד ארויסרופען.

לאין ברירה האב איך געמוזט אננעמען די בעדינגונגען און בעשלאסען צו פאהרען אויף צוויי וואכען אין דעם נאהנטען זומער-וואוינונג קיין כזשאנסטאוו.

### עס לאזט זיך מערקען...

כ'ווייס נישט, צי דאס איז געווען א צופעליגקייט אדער א רעזולטאט פון די לעצטע געשעהענישען – אויף דער באהן, מיט וועלכער איך בין געפאהרען, זענען געווען זעהר ווייניג יודען, כאטש די וואגאנען זענען געווען איבערפולט פון נישט-יודען.

שטעלט מען זיך פאר, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן מיט פאר יאהר צוריק אויף די באהנען, אז דריי פירטעל פון די פאסאזשירען זענען געווען יודען, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אז אין דער דאזיגער הינזיכט האט זיך שטארק געענדערט: יודען האבען נישט צו וואס צו פאהרען...

דער רעזולטאט פון „אוושעם" לאזט זיך מערקען...

### כזשאנסטוב.

איינע פון די רוהיגסטע זומער-וואוינונגען אין אונזער געגענד איז בליספק דאס אברוה-ארט כזשאנסטוב, וואס ליגט איין קילאמעטער פון שטעדטיל קאניעצפאל און איז ארומגערינגעלט פון געזונטע סאסנאווע וועלדער, א טייך און איבערהויפט אין א זעהר שענער סביבה.

יעדעס יאהר פלעגען דא אהערקומען מאסען מענשען. דאס יאהר איז אבער זייער צאהל א קליינע, יעדענפאלס א סך קלענער, ווי אלע יאהר.

דאס איז אבער נישט קיין מניעה, אז אנשטאט וואס אלע מאל איז געווען אין כזשאנסטוב נאר איין פענסיאנאט, זאל היי-יאהר זיך מאכען

### צוויי פענסיאנאטען.

א מערקווירדיגע זאך מיט יודען. זיי קאנען נישט פערגינען איינער דעם אנדערען. איז געווען אין כזשאנסטוב איין פענסיאנאט, וועלכער האט פאראיאהרען נישט געמאכט קיין גרויסע געשעפטען און ס'איז גאר א סברא, אז די אייגענטימער האבען זיך נאכ'ן סעזאן געבארגט געלד אויף הוצאות אהיימצופאהרען, האבען היי-יאהר די צוויי פענסיאנאט-שותפים: וויקטאר און פאקטאר „געמאכט שבת פאר זיך", אזוי אז מיר האבען א „וויקטאר"-פענסיאנאט און א „פאקטאר"-פענסיאנאט. און אט די צוויי דאזיגע פענסיאנאטען פיהרען צווישען זיך א קאנקורענץ און עס געהט אן א קאמף פאר יעדען גאסט, וואס קומט צו פאהרען.

5. קורלאַנד

# דער יודישער וועלט=קאָנגרעס

דער יודישער וועלט קאָנגרעס איז שוין מעהר נישט קיין טעמע פאר דיסקוסיעס און וכוחים. גענוג איז שוין גערעדט געוואָרען וועגען זיין צוועקמעסיגקייט און בעדייטונג. מיר האָבען שוין גענוג אַרגומענטען, אַז דער יודישער וועלט קאָנגרעס מוז פאָרקומען, אַז מיר מוזען בעזיצען אַ קערפערשאַפט, וואָס זאָל אין נאמען פון אונזער גאַנצען פאָלק פערטיידיגען, מיט גענוג אויטאָריטעט, די יודישע אינטערעסען, וואס ווערען אַזוי שטראָפלאָז געטרעטען. און טאָמער האָבען מיר נאָך געהאַט ווייניג אַרגומענטען אויף צו בעווייזען די גויטווענדיגקייט פון וועלט-קאָנגרעס, האבען אונז די געשעהענישען פון דער לעצטער צייט נאָך בעפעסטיגט אין דער איבערצייגונג, אַז די שאַפונג פון אַ יודישער וועלט אָרגאַניזאַציע איז דער געבאָט פון דער שעה.

אַ גרויס פאָלק האט אונז אָנגעזאָגט קריעג, ענטרעכטעט אונזערע ברידער ביי זיך אין לאַנד און צוגענומען די מעגליכקייט פון עגזיסטענץ און לעבען. דעם גיפט פון שנאה געגען יודען האָבען די מושלים פון אַט דעם פאָלק געוואָרפען אויך אין אַנדערע לענדער און איבעראַל ברייט צולעגט זייערע וואָרצלען.

היינט קוקט זיך צו צום יודישען מצב אין אַ לאַנד, אין וועלכען עס לעבט דער גרעסטער יודישער קיבוץ אין אייראָפּע — צי לערנען אונז ווייניג די גאר לעצטע געשעהענישען? צי קענען מיר זיין גלייכגילטיג צו די טעראָר-אַקטען און פּראוואָקאַציעס פון די טרויעריגע גיפט-מישער און צו דער שטעלונג פון אַ רעגירונג. וואָס גיט מאָראַלישע שטיצע די העצער דורך איהר הכשר אויף עקאָנאָמישען באָיקאָט און דורך אַנ'עפענטליכער „אָוושעם"-פּאָליטיק?

מיר ווערען אויף אַנ'אכזריות'דיגען אופן פערפאָלגט און דערנידריגט, פיזיש דערדריקט און עקאָנאָמיש רואינירט, עס ווערען אונז ענטזאָגט די עלעמענטאַרע רעכט אַלס בירגער, אַלס מענשען, וואָס לעבען און אָטעמען.

און וואס טהוען מיר? אין וואס דריקט זיך אויס אונזער ענטפער, אין וואס בעשטעהט אונזער אָבוועהר-אַקציע?

מיר פּראָטעסטירען. איינצעלנע לאַנדעס גרופּען פון אונזער פאָלק רעאַגירען ספּאָראַדיש דורך אַ פּראָטעסט, דורך אַנ'אויפרוף צו די „ברידער יודען" אין דורך אַנ'אינטערווענץ ביי די „געהעריגע אָרגאַנען".

אָבער ווער רעכענט זיך מיט דעם הייפעל פּראָטעסטירענדע יודען. מען פערשרייט זיי אַלס שלעכטע פּאַטריאָטען און מ'געהט איבער צו דער טאָג-אָרדנונג מיט אַ פרישער סעריע כוליגאַנערייען.

זאָלען זיי שפּרינגען פון דער הויט, אונזערע יודישע בירגער. זאלען זיי שרייען, די יודען, עס איז דאָך זייערס אַ ספּעציפישער „ראַסען-אַטריבוט" — דאס שרייען, זאלען זיי גצוואלדעוועון.

אָבער ווען עס וואלט זיך דערהערט אַנ'איינשטימיג פּראָטעסט געשריי פון אַ געאייניגטער יודישער פאָרשטעהערשאַפט פון אַ וועלט-פערנעהם, וואלט אונזער שטימע געווען אַ וואָגיגע, אַ ווירקזאַמע; די שטימע פון זיבעצעהן-מיליאָניגען יודישען פאָלק, וואס פאָדערט זיינע רעכט אין נאָמען פון יושר און גלייכבערעכטיגונג!

ווייל יעדע אַנטיסעמיטישע אַטאַקע איז דאך געציעלט געגען יודישען פאָלק אַלס גאַנצעס. עס האבען דאָך די אַנטיסעמיטען אין אַלע לענדער איין געמיינזאַמען ציעל: אונטערצוגראָבען די יסודות פון יודישער עקזיסטענץ. פרעגט זיך: אין דער צייט, ווען אַלער-ליי יודען-העצער בעזיצען אַ בשותפות'דיגע שפּראַך און אַ געמיינזאַמען ציעל — זאלען מיר, דער עם חכם ונבון, נישט בעזיצען אַ פאָרשטעגדיגונגס אַפּאַראַט, אַנ'אָבוועהר - אינסטרומענט, אַ קערפּערשאַפט, וואס זאל ווירדיג רעאַגירען אין נאמען פון גאַנצען פאָלק, געגען אַלע יודישע עוולות און פערפאָלגונגען, געגען אַלע הפקר'דיגע און צביעות'דיגע אויכראַטונגס-סיסטעמען.

די דאָזיגע קאָלאָסאַלע אויפגאַבע קען דורכגעפיהרט ווערען בלויז דורך אַנ'ענטשלאָסענעם קאַמף, צו וועלכען עס מוזען מאָביליזירט ווערען אַלע כחות אין יודישען לעבען. דער קאַמף מוז זיך אויסדרוקען נישט נאָר אין אַ פאָרם פון ספּאָנטאַנישען פּראָטעסט אין מאָמענט פון אַנ'אָנגריף, נאָר עס מוז געשאַפען ווערען אַ פּערמאַנענטע אָב-וועהר-טעטיגקייט און אויפקלערונגס-ארבייט, וואס זאָל מאַכען אונמעגליך עהנליכע יודען-פיינדליכע אַרויסטרעטונגען.

דער יודישער וועלט-קאָנגרעס וועט זיין די קערפּערשאַפט, וואס וועט מיט אויטאָריטעט רעדען צום פעלקער-בונד און דורך איהם צו דער גאנצער וועלט. ער וועט אַפּעלירען צו דער וועלט און צו בעזונדערע מלוכות—אַלס וועלט-אָרגאַניזאַציע.

מיר מוזען אויפשטעלען אַ טריבונע, פון וועלכער מיר זאָלען זיך קענען ווענדען צו דער וועלט און מאָהנען אונזערע רעכט. מיר מוזען שאַפען אַ לעגיטימירטע און אָנערקענטע וועלט-פערטרעטונג, וואס זאָל פאָדערן צו רעספּעקטירען אונזערע רעכט אַלס מענשען און בירגער.

דער יודישער וועלט קאָנגרעס וועט זיך האבען צו בעשעפטיגען מיט נאָך פיעל ברענענדע פראַגען פון יודישען לעבען, וואס וואַרטען אויף אַ לעזונג, אָבער, ווען זיין אויפגאַבע וואָלט בעשטאַנען בלויז אין קאַמף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, מיט'ן ווילדען ראַסען-שגעון, און נישט מעהר, דאַן וואָלט זיין עגזיסטענץ שוין געווען בערעכטיגט און זיין נויטווענדיגקייט—דאס געבאָט פון דער שעה.

# שיך.

רעדט מען פון שיך, וואַרפט זיך נישט ווילענדיג די פראַגע: זייט ווען טראָגט מען שיך? ווי אַזוי איז דער מענש געקומען אויפ'ן געדאַנק צו פערווענדען דאס לעדער אויף שיך? וכדומה, וכדומה.

ס'איז דעריבער כדאי זיך אָבצושטעלען אויף אַנ'אויסשטעלונג, וועלכע איז מיט פיעל יאָהרען צוריק געווען צו זעהן אויפ'ן לייפּציגער יריד.

ס'לאָזט זיך נישט גענוי זאָגען זייט ווען מ'טראָגט אייגענטליך שיך. אין גאַנץ אַלטע צייטען האט מען שוין געוואוסט פון שיך, אָבער די עלטסטע פאָר שיך, וואָס איז עד היום דערהאַלטען, שטאַמט פון יאָהר 1650. די פּאָר שיך האט געטראָגען אַ פּערסישער פירשט. ס'איז געמאַכט פון דער הויט פון אַ הייפיש, אויסגענעהט מיט די שענסטע פערצירונגען. די זוילען זענען געמאַכט פון ציגענלעדער, דער אָבזאַץ (אָבצאַס) האט אַ פּנים ווי אַ פוס פון אַ ציג. דאס איז געמאַכט געוואָרען האָרט, בכדי דערמיט צו קענען אַ זעץ טהון אַ בהמה ביים רייטען.

פונקט אַזוי זעהען אויך אויס די דאַמאַלסדיגע ווייבערישע שיך. די אָבצאַסען ביי די דאַמען-שיך האט מען געקענט אַראָבנעמען, אַז מ'האט געדאַרפט עמיצען וואַרפען, וואס איז אַריינגעקומען אומגעבעטען אין די שטובען פון די פרויען.

די עסטרייכישע קייזערין עליזאבעט, האָט נור געטראָגען זיידענע שיך, וואס האבען נישט מעהר געטאָרט ווערען ווי זיבען טעג, ווייל זי האט נעהאט שוואַכע פיס. אויך דער קייזער פראַנץ יאָזעף האט געמוזט האבען גאַנץ לייכטע שיך פון די פיינסטע שוואַרצע לעדערן.

דערפאר האבען די פראַנצויזישע קוריערס, וואָס זענען פיעל געגאַנגען צו פוס, געמוזט טראָגען שטאַרקע שטיוועל, וואס האָבען געוואויגען נישט ווייניגער ווי זעקס קילאָ. די דאָזיגע שטיוועל זענען געמאַכט געוואָרען לויט אַ ספּעציעלען שניט פונ'ם פראַנצויזישען אויסער'ן-מיניסטער טירגאָטין, וואס איז אין די יונגע יאהרען געווען אַ שוסטער...

די שענסטע שטיוועל האָט מען מיט 180 יאהר צוריק געמאַכט פאר'ן צאַרישען הויף אין פּעטערסבורג. זיי זענען געווען אַזוי קונציג גענעהט, אַז מ'האט דאָס נ״יהען נישט געזעהען מיט'ן פרייען אויג.

ביז פאר פופציג יאהר האט מען אין אינדיען געטראָגען סאַנדאַלען וועלכע האבען געהאט עלף זויהלען. טעג לאַנג האבען די שוסטערס געאָרבייט ביז זיי האָבען בעפעסטיגט די עלף זויהלען אויף די סאַנדאַלען.

די ערשטע שיך מיט הויכע אָבצאַסען האט געטראָגען די איטאַליענישע קעניגין מיט פופציג יאָהר צוריק. אין יאָהר 1905 האט אַ ווינער זינגערין זיך געלאָזט מאַכען אויף איהרע שיך אָבצאַסען פון 32 צענטימעטער די הויך. די שיך האבען געקאָסט 300 גאָלד-קראָנען. אויב זי האט געקאָנט טראָגען די דאָזיגע שיך איז נישט בעקאַנט.

די ערשטע פּאָר שיך צו קלעטערען אויף בערג, האָט מען געקענט זעהן אויף דער ווינער אויסשטעלונג פונ'ם יאָהר 1873. די שיך זענען געווען אויס לעדער פון וואַסער-הינד. צעהן הויטען זענען צונויפגענעהט געוואָרען אויף די שיך. זיי זענען געמאַכט געוואָרען פונ'ם גרעסטען מייסטער, וואָס האט דערביי געאָרבייט זיבען טעג און האט גענומען יעדען טאָג צעהן גילדען לויהן.

פיינערע דאַמען, וואָס האבען געטראָגען שיך מיט הויכע אָבצאַסען, האבען געלאָזט פאַרבען די אָבצאַסען אויף רויט, ווייל ווייסע אָבצאַסען האבען געטראָגען מינדערע פרויען...

שיך פאר כלות צו דער חופה האט מען פריהער געטראָגען נור פון אַטלאַס אָדער זייד, די אָבצאַסען זענען צומייסט געווען איבערגעצויגען פון דעמזעלבען אַטלאַס אָדער זייד, וואס דאס חופה-קלייד איז געווען.

אַט אַזוי האט מען אויף דער אויסשטעלונג געקענט זעהען אַ שטיק פון אונזער קולטור-לעבען מיט אַ סך יאָהרען צוריק.

ז. האָבער, וויען.

# פונ'ם פּאָליטעכנישען אינסטיטוט (התכניון העברי) אין חיפה

דאס אויפנעמען פון נייע סטודענטען אינ'ם אינזשיניער-אינסטיטוט פונ'ם תכניון צום לערן-יאהר תרצ"ז (1936|37) איז פערענדיגט, אויף וויפיעל דאס איז נוגע קאַנדידאַטען פון חוץ לארץ, וואס האבען נעענדיגט אַ מיטעל-שול אין די לעצטע יאהרען. א געוויסע צאָהל פּלעצער איז געבליבען רעזערווירט פּאַר קאַנדידאַטען פון חוץ-לארץ, וואס פערענדיגען די שולע היי-יאהר (זומער, 1936), ווי פאר אַביטוריענטען פון ארץ ישראל גופא, בקשות פון קאַנדידאַטען פון דער לעצטער קאַטעגאַריע ווערען אָנגענומען ביז סוף יולי. עס איז אָבער ראַטזאַם, בפרט פאר קאַנדידאַטען פון חוץ-לארץ, צוצושיקען זייערע פּאַפּירען וואס גיכער.

הגם אין פערגלייך מיט'ן פויריגען יאהר איז די צאהל בקשות דאס יאהר געווען עטוואס קלענער, איז דאך דער תכניון געצוואונגען געווען, צוליב פעהלען פון פּלאַץ, אָבצוזאָגען הונדערטער בקשות. עס זענען אָנגענומען געווארען נאָר קאַנדידאַטען, וואס האבען געענדיגט די מיטעל שולע אין די לעצטע 3 יאהר, און וואס האבען א גוטע נאָטע, לכל הפחות, אין אייגעם פון די צוויי געגענשטענדען—מאַטעמאַטיקע און פיזיקע. קאנדידאטען, וואס האבען פערענדיגט א מיטעל-שולע פון א רעאַליסטישער ריכטונג איז געגעבען געווארען פריאָריטעט.

די אויפנאַהמס-בעדינגונגען פאר קאַנדידאַטען פון חוץ לארץ דוכטען זיך, אויפ'ן ערשטען בליק, צו זיין דאס יאהר הארבער ווי פאר אַ יאהרען. אָבער דאס איז א טעות. אמת, דער סכום, וואס ווערט היי-יאהר פערלאַנגט און פאָראויס איז 32 א"י-פונט (לגבי 28 פונט פּאַראַיאהרען), אָבער פּאַקטיש איז היי-יאהר איינגעפיהרט געווארען א פערלייכטערונג אין שכר-למוד. פאר א יאהרען האט יעדער נייער סטודענט געמוזט בעצאהלען 24 פונט שכר למוד און 4 פונט נעביידע-און לאַבאָראַטאָריע-שטייער. פון דעם יאהר אָן מעג דער סטודענט אויסצאהלען די 4 פונט לאַבאָראַטאָריע-שטייער אין משך פון 4 יאהר. אזוי אָרום איז דער שכר-למוד פערקלענערט געווארען פון 28 אויף 25 פונט. מיט אנדערע ווערטער, היי-יאהר מוז דער סטודענט מאכען א גרעסערע אָנשטרענגונג פאר'ן אָנהויב פון זיינע למודים און איינצאהלען אין פאָראויס עפּיס מעהר. דערפאר וועט ער אָבער אין משך פון יאהר דאַרפען בעצאהלען נישט מעהר ווי נאָך 9 פונט (לגבי 16 פונט פאר-אַ-יאהרען). בסך-הכל זענען די פאָדערונגען פון תכניון דאס יאהר פערקלענערט געווארען מיט 10 פראָצ. בערך.

ביז איצט זענען אָנגענומען געוואָרען צום קומענדיגען לערן-יאהר (1939|37) ארום 175 סטודענטען פון חוץ-לארץ. ווער עס וועט נישט זאָרגען דערפאר, אַז אַלע פערלאַנגטע דאָקומענטען, דעקלאראציעס און איינצאהלונגען זאָלען זיך געפונען אין רשות פונ'ם תכניון ביז'ן 31 יולי, וועט פערלירען זיין רעכט און וועט אויסגעמעקט ווערען פון דער רשימה פון די אָנגענומענע סטודענטען.

פאר די סטודענטען פון פּוילען האט דער תכניון אונטערנומען ספּעציעלע שריט, כדי צו בעקומען אַנ'ערלויבניש פאר זיי אויף ארויסצופיהרען די נויטיגע סכומים געלד, וואס זיי דאַרפען איינלייגען ביים אינסטיטוט.

ביי דער געלעגענהייט מאכען מיר אויפמערקזאם די פּעראינטערעסירטע פּערזאָנען, אַז אַלע בקשות און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ דאַרף געשיקט ווערען דירעקט אויפ'ן אַדרעס פון תכניון (התכניון העברי, חיפה Palestine) און נישט דורך פערמיטלערס און פּערשידענע געזעלשאַפטען.

חיפה, תמוז תרצ"ו.

די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט האַלטען פאר זייער לאָקאַל-פּאַטריאָטישען חוב צו לאָזשירען אין „פּאַקטאָר"-פּענסיאָנאט, דאַגעגען די וולאָשטשאָוואָער און אַנדערע געסט פאַלען אַריין אין „פּאַקטאָר"-פּענסיאָנאַט. אַרום און ארום אָבער זענען פערהאַנען אַזוי ווייניג פּענסיאָנאַטניקעס, אַז זיי וואָלטען פאר איין פּענסיאָנאט אויך נישט גענוג געווען. זענען אָבער יודען נישט קיין פערגינערס, האבען זיי אנשטאט איין פּענסיאָנאט געמאכט צוויי פּענסיאָנאַטען.

## „יאַק בידאַ, טאָ דאָ זשידאַ".

די פּויערים פון כזשאָנסטוב זענען זעהר פריינדליך צו די לעטניקעס. זיי בעגריסען זיך זעהר ווארים מיט יודען און דער עיקר פערקויפען זיי זעהר גערן זייערע פּראָדוקטען. מען שמועסט טאַקי, אַז די גוטע פריינדשאַפט, וואָס הערשט צווישען די פּויערים און יודען, איז טאקי אַ דאַנק די פּראָדוקטען וואס יודען קויפען ביי זיי. פון דער אַנדערער זייט דערצעהלט מען מיר, אַז דער אָרטיגער פּריץ הענריק פּאָטאָצקי האט צוזאַמענגערופען די פּויערים און זיי אָנגעזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט, אַז ס'זאָלען נישט פּאָרקומען קיין שום אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען, נאָר פערקעהרט, זיי זאָלען די יודען פריינדליך אויפנעמען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גיט מען איבער, אַז די ערשטע יודישע לעטניקעס האבען בעקומען פון די פויערים אַ וואַרימען קבלת-פּנים, און ווען די פויערים זענען געוואויר געוואָרען, אַז אַ סך יודען האַלטען זיך אָב פון פאָהרען אין דאָרף אַריין צוליעב אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען, האבען זיי זיך שטאַרק בעליידיגט און צלם'דיג זיך האבען זיי פערזיכערט, אַז ס'וועט ביי זיי חס ושלום נישט פאָרקומען קיין שום בייז.

יעדענפאַלס, אַז זיי דאַרפען האָבען די יודען, כדי צו קענען פּטור ווערען פון די פערשידענע פּראָדוקטען, ווערען די פויערים גוט און פרום, אַזוי ווי עס שטעהט אין פּסוק: „יאַק בידאַ טאָ דאָ זשידאַ"...

## שעהן איז גאָט'ס וועלט.

שפּאַצירסטו אַרום איבער די וועלדער און פעלדער, באָדסטו זיך אין וואַסער, געהסטו אַרום באָרוויס און מאַכסט דיר בעקוועם, הויבסטו אָן צו פיהלען, אַז גאָט'ס וועלט איז שעהן און גוט, פערגעסטו אויף אַ מינוט אין דער גרויקייט, וואס הערשט אַרום און אַרום.

שטיל און רוהיג איז אַלץ אַרום דיר און ווען דו וואָלסט נישט דערהאַלטען קיין צייטונגען, וואלסטו איבערהויפּט פערגעסען אין די צרות, וואס מיר שטעהען אויס אין דער וועלט.

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואס באַלד וועט מען דיך רופען אין שטאָדט אַריין, וועסט זיך ווידער מוזען אַריינוואַרפען אין דעם הו-הא פון רוישיגען לעבען, וועסט מוזען שמייכלען, ווען דיר וועט זיך וועלען וויינען, זאגען דאס וואס דו וועסט נישט טראַכטען א. א. וו.; דערווייל אָבער איז גוט, דו ביזט נאָהנט מיט דער נאַטור און דו ווערסט אַליין אויך א שטיק נאַטור.

אין כזשאָנסטוב האָסטו נישט קיין סך מענשען, דערפאַר אָבער האָסטו אַ סך בוימער, פעלדער און גראָזען, און ווען ס'איז נאָך אַ לויטער הערליך וועטער, ווערסטו פערכאַפּט פון דעם אַלעם און די ליפּען שעפּטשען פון זיך אַליין: שעהן איז גאָט'ס וועלט.

## „עמך" שער און אייזען...

מיט 2 יאהר צוריק, ווען איך האָב מיין אורלויב פערבראַכט אין כזשאָנסטוב, האָב איך שוין געשריבען וועגען דעם, אַז כזשאָנסטוב האבען בעזעצט אונזער „עמך" שער און אייזען. עפּעס אַזוי ווי אונזערע חייטים וואָלטען זיך אָבגערעדט, אַז זיי מוזען אָקופּירען כזשאָנסטוב. און מערקווירדיג, אַז גראָד די שניידער פון דער דאַמען-בראַנזשע האבען זיך דאָ אַהערגעלאָזט און איך געוועט זיך מיט אייך, אַז ווען מען זאָל מאַכען אַנ'אַנקעטע פון די כזשאָנסטאָבער לעטניקעס, וועלען זיין 80 פּראָצענט דאַמען-שניידער פון דער מאַגאַזין-בראַנזשע.

דער אומגליק איז, וואס זיי פּעררעכענען מיך אויך צו זייער בראַנזשע. אויך איך—זאָגען זיי — פּערנעהם זיך מיט „שניידעריי", אַז טאָמער פּעהלען אויס אַרטיקלען בעניץ איך מיך זעהר אָפט מיט דער שער, אַזוי אַז זיי ראַטען מיר, אַז איך זאָל זיך אויך איינקויפען אין זייער סעקציע..

צי איך וועל דאס טהון—איז אַ צווייטע זאַך. א פּאַקט איז אָבער, אַז אין כזשאָנסטוב דאָמינירט די „עמך" שער-און-אייזען...

## יעדער מוז אַדורכמאַכען דעם קורס...

טראַץ דעם, וואס עס איז היינט א קריזיס און א טאָג אין פּענסיאָנאַט קאָסט א סך ווייניגער, ווי ס'האט געקאָסט, למשל, מיט א 2 יאהר צוריק, ווענדען די פּענסיאָנאַט-אייגענטימער אָן זייער אַלטען מיטעל, דהיינו: די ערשטע טעג מאַכען זיי אַזוי, אַז דער פּענסיאָנאַטניק זאָל האבען צו טהון מיט'ן מאָגען, און ערשט ווען ס'געהט אַדורך אַפּאָר טעג און ער פערזוכט דעם טעם פון ריצינאַייל אָדער אנדערע „געשמאַקע" איינגעמענישען, ווערט ער א גלייכבערעכטיגטער מיט אַלע צוזאַמען.

זעלטען ווער, ס'זאָל נישט אַדורכמאַכען דעם פּערדאַרבונגס-קורס.

## „נעגוס"—דער פּראָוויאַנט=מייסטער

אין כזשאָנסטוב דרעהט זיך אַרום דער וולאָשטשאָוואָער פּראָוויאַנט-מייסטער אברהם'עלע יאַראַנאַווסקי, וועלכער שטעלט צו פּראָדוקטען אין פּענסיאָנאַט פון דער פירמע „וויקטאָר", ווי אויך פאר די לעטניקעס, וועלכע פיהרען פאר זיך הייזער איז ער אָבער אַזוי שוואַרץ דער אברהמ'עלע, אַז די לעטניקעס האבען איהם אַ נאָמען געגעבען דער „נעגוס". דער פּראָוויאַנט-מייסטער און נישט בלויז די יודען נאָר אויך די קריסטען, די פּויערים פון כזשאָנסטוב, רופען איהם פּאַניע-נעגוס, דער פּראָוויאַנט-מייסטער.

לויתן.

# וויעלונער בייעס.

## ווי האלט עס מיט די קהלה וואהלען?

די טעכנישע צוגרייטונגען צו די קהלה וואהלען זענען אין פולען גאנג.

די וועהלער ליסטע, וועלכע ענטהאלט 1247 וואהל-בערעכטיגטע איז שוין אויסגעלייגט אין קהלה-לאקאל צו קאנטראלירען. נאך ביז דינסטאג איינשליסליך וועלען די ליסטעס זיין אויסגעלייגט ביז 8 אווענד, ווען יעדער קען נאכקאנטראלירען צי ער איז ריכטיג אריינגעטראגען, און אין געגענפאל —בעלייגען רעקלאמאציעס.

וואהל-רעכט האט יעדער מאנספערשוין, וועלכער האט שוין געענדיגט 25 יאהר (ביז'ן 25 ליפיעץ) און וואוינט 1 יאהר אין וויעלון.

* * *

עס ווערען געמאכט פרובען צו א פערשטענדיגונג צווישען די פארטייען, כדי אויסצומיידען דעם וואהל-קאמף.

עס זענען שוין אבגעהאלטען געווארען 2 בשותפות'דיגע זיצונגען צווישען אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען געגעבען גוטע האפנונגען, די איניציאטיוו פיהרט די אלגעמיין ציוניסטישע ארגאניזאציע מיט'ן מזרחי.

שבת-צו נאכט'ס זאל פארקומען וועגען דעם ענין א זיצונג צוזאמען מיט די „אגודה" און עס זענען פערהאן אויסזיכטען אויף פאזיטיווע רעזולטאטען. הלואי!

## וויעלונער ענזעקעס זיך מתקנא געווען אין אנדערע שטעדט

### זיי האבען אבער געכאפט א פסק פון „טור"

קיין וויעלון, וואו עס איז פערהעלטניסמעסיג רוהיג פון כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען, איז געקומען אן ענדעקישער בר-נש פון טשענסטאכאוו, כדי מעורר צו זיין דאס היגע ענדעקישע פעוועל צו כוליגאנישע ארויסטרעטונגען געגען יודען.

אנגעהויבען צו „פראקטיצירען" האבען זיי אויף דער אלעע פון דריטען מאי, וואו זיי האבען גענומען אראבטרייבען יודען פון פענק און שלאגען.

פון דארט האבען זיי זיך איבערגעטראגען אין שטאדט-פארק אריין, וואו זיי האבען דאס זעלבע געטהון, דא איז זיי אבער אקעגען געקומען א גרופע פון קריסטליכע יונגע לייט פון „טור" און די כוליגאנעס ארענטליך מסלק געווען, אזוי, אז זיי האבען געמאכט בחרפתנו ויברח, ווער מיט א בייל אין קאפ, ווער מיט טרוקענע קלעפ.

## שרעקליכער צוזאמענשטויס פון א שנעל-צוג מיט א וואגען הינטער וויעלון

### איין מיידעל גע'הרג'עט און איינע שווער פערוואונדעט

אין דארף יאוואזשנא, הינטער וויעלון אויפ'ן שאסע משענסטאכאוו—וויעלון, וואו עס שניידט איבער די באהן-ליניע, איז זונטאג ביינאכט אדורכגעפאהרען אויף א וואגען די פאמיליע פון גאספאדארזש לודוויק גורני, וועלכע איז בעשטאנען פון 5 פערזאן: פאטער, מוטער, 13 יעהריגע טאכטער און 18 יעהריגער זוהן ווי אויך די 11 יעהריגע זאפיא דולא פון דייטשלאנד, וועלכע האט ביי זיי געוויילט.

גראד איז אנגעפאהרען דער פערזאנען שנעל-צוג, וועלכער האט אנגעשטויסען אין הינטערשטענטייל פון וואגען. די פאלגען זענען געווען פאטאלע. א האלבער וואגען איז געשליידערט געווארען אויף א ווייטען מרחק. די 11 יעהריגע דולא איז געהרגעט געווארען אויפ'ן ארט, די טאכטער איז געווארען שווער פערוואונדעט און די איבריגע זענען ארויס מיט לייכטערע וואונדען. דאס פערד איז געבליבען אונבעשעדיגט.

## געלונגענע רעפעראטען אויף דער ביאליק-הערצל הזכרה

שבת צו די כ' תמוז און כ"א תמוז-יאהרצייט, נאך דעם שעפער פון פאליטישען ציוניזם ד"ר טעאדאר הערצל און נאכ'ן נאציאנאלען דיכטער חיים נחמן ביאליק, איז אין דער שוהל נאך קריאת-התורה איינגעארדענט געווארען א הזכרה.

עס האבען גערעדט די צוויי פערזאנען פון די ציונ. ארגאנ. יעקב שאיא און חיים בארנשטיין.

אזוי גוט דער ערשטער ווי דער צווייטער רעדנער האבען אויסגעדריקט זייער צער און צארן געגען די מהרסים און מחריבים, די יודישע קאמוניסטען בכלל און די ארץ-ישראל'דיגע בפרט, וועלכע פיהרען א פעררעטערישע, פערברעכערישע אונטערגראבענדע ארבייט געגען דער איינציגער האפנונג פון יודישען פאלק — אנצוקלאמערען זיך צוריק אויף זיין אייגענער ערד, העלפענדיג אונטערהעצען די רעוואלטירטע אראבער געגען דעם יודישען אויפבויווערק אין ארץ-ישראל, א זאך וואס איז נישט געמאהלט ביי קיין שום אומה ולשון, אז קאמוניסטען זאלען אזוי פערברעכעריש האנדלען געגען זייער פאלק.

ה' יעקב שאיא רעדט דאן מיט שטארקען פאטאס וועגען די שווערע נסיונות, וואס דער יודישער ישוב געהט אדורך, פיהרענדיג א שווערען אבוועהר-קאמף געגען די צעווילדעוועטע אראבער, וועלכע ווילען מיט פייער און בלוט חרוב מאכען דעם זיך אויפבויענדען פרידליכען יודישען ישוב.

דער רעדנער רוהמט די מיושב'דיגע, צוריקגעהאלטענע, צוגלייך מוטיגע האלטונג פון יודישען ישוב, די העלדישקייט פון די יודישע שאפערס, שומרים און געהילפס-פאליציאנטען, ווי אויך דאס גאנצע גלות-יודענטום, וועלכע נישט קוקענדיג אויף דער סכנה, וואס לויערט אויף זייער לעבען און פערמעגען, זענען זיי גרייט אין די טויזענדער מיט זייערע פרויען און קינדער עולה צו זיין קיין א"י.

דער רעדנער פרעגט זיך, צי איז נישט חלילה דער גאנצער ציוניזם א פערפיהרערישע אוטאפיע און קומט צו דער מסקנה, אז דאס איז דער איינציגער וועג און איינציגע ישועה און ריכטונג פאר דעם יודישען פאלק, וועלכעס האט אין ערגיץ קיין רוהע-ארט און איז איבעראל ווי א שפין אין די אויגען.

ה' יעקב שאיא רופט דאן אונטערצוהאלטען מיט'ן גאנצען כח דעם פאר אונז קעמפענדען אוואנגארד אין א"י דורך אונטערשטיצען די קרנות, וואס ס'איז אזוי ווי אמוניציע און פראוויאנט פאר די ארמעע.

לסוף דריקט אויס דער רעדנער זיין זיכערקייט אין ענדגילטיגען נצחון פון דעם שווערען לאנג-דויערענדען בלוטיגען קאמף, אזוי גוט ווי אין די יאהרען 1921 און 1929, נאך וועלכע אנרוהען דער יודישער ישוב איז דריי פאך פערשטארקט געווארען. ער איז זיכער אין נצחון פון ווערק פון גרויסען שעפער ד"ר הערצל, אין נצחון פון קולטור איבער'ן מדבר, פון ציוויליזאציע איבער'ן בארבאריזם.

ה' חיים בארנשטיין רעדט אין א שעהנער פארם וועגען גרויסען דיכטער ביאליק וועגען דעם כנור ציון וועלכעס איז אין גלות בבל אויף די ווערבעט אוועקגעהאנגען געווארען און דער איצטיגער דור האט גענומען צוריק אויסשפילען אויף זיינע סטרונעס דאס ליעד פון בעפרייאונג, פון ערוואכונג, פון שובת-ציון, דאס ליעד פון שיר השירים, פון יוגענדליכע פאלקס ענערגיע, וועלכעס רייסט זיך צוריק צום לעבען און וועט שוין מעהר צוריק צו דעם „הבל הבלים" פון אלטקייט. קיין שום כח, רופט אויס דער רעדנער—וועט נישט זיין ביכולת אונז דעם כנור צוריק ארויסצורייסען און קיין שום קראפט וועט אונז נישט אבהאלטען אויסצוזינגען אונזער שירי ציון על אדמת ארץ-ישראל.

ביידע רעדעס האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק און אויסגעהערט געשמאק מיט'ן גרעסטען אינטערעס.

חזן בערמאן האט דאן געמאכט אל מלא'ס פאר נשמת המנהיג בנימין זאב הערצל און פאר משורר הלאומי חיים נחמן ביאליק.

## וועש-נייערס מוזען בעזיצען האנדווערקער-קארטען.

די פערוואלטונג פון האנדווערקער-פעראיין מאכט בעקאנט, דאס לויט דער פעראָרדנונג פון האנדעלס מיניסטעריום פון 30.6 ה. י. מוזען אלע וועש נייערס, וועלכע פיהרען זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען בעזיצען האנדווערקער-קארטען. אין געגענפאל איז דער ווארשטאט בעדראהט צוגעמאכט צו ווערען. עס ווערט דעריבער אויפמערקזאם געמאכט אין אייגענעם אינטערעס נישט צו פערנאכלעסיגען דעם ענין.

די פארמאליטעטען פון איינשאפען זיך האנדווערקער-קארטען פיהרט אדורך דער האנדווערקער-פעראיין.

צוליעב די פיעל מיסברויכען ביי די האנדווערקער-קארטען, ווערט אויפמערקזאם געמאכט צו זיין פארזיכטיג און נישט אריינצולאזען זיך מיט קיין זייטיגע פערזאנען.

## קאמוניקאט פון ג. צ. א.

### גרויסע הערצל-אקאדעמיע

שבת, דעם 11 ד. ח. איז אין זאל „מכבי" פארגעקומען א גרויסע הערצל-אקאדעמיע, איינגעארדענט דורך דעם ארטיגען הצה"ר און בית"ר און האט צוגעצויגען א גרויסען עולם.

די אקאדעמיע האט געעפענט ח' חיים גוטמאן. זעהר שעהן האבען רעקלאמירט די העברעאישע שירים פון טשערניכאווסקי, די אחים: צבי שאיא און אברהם טאנדאווסקי. דאן האבען רעפערירט די ח"ח: ד"ר מ. ס. און קאניארסקי יואל וועגען הערצלען אלס „דעם וועג-ווייזער פון דער יודישער נאציאנאלער יוגענד" און „דער יודענשטאט אלס די איינציגע לעזונג פון דער יודען-פראגע".

מיט'ן געזאנג פון „התקוה" און בשוב ד' איז די אקאדעמיע געשלאסען געווארען.

## גרויסע שרפה אין דזיאלאשין.

אין דזיאלאשין איז מיטוואך אויסגעבראכען א שרפה אין הויז פון פראנטשישעק פוכאלא, וועלכע האט זיך בליץ-שנעל פערשפרייט און פערניכטעט א רייהע הילצערנע הייזער.

עס זענען אוועק מיט'ן רויך 15 ווירטשאפטען אין דער ווערט פון 40.000 זל.

איידער די אבגעשראקענע שכנים האבען בעוויזען צוריק אריינצושטעלען דאס ביסעל האב-און גוטס, וועלכעס מען האט גענומען פאקען און ארויסטראגען, האט גענומען גיסען א שלאקסרעגען, בעגלייט מיט דונערן און בליצען און א דונער איז אריין אין הויז פון אנטאני מושאל, וואס עס האט אנגעהויבען ברענען. א דאנק דער הילף פון די פייערלעשער-אבטיילונגען, וועלכע זענען געווען אנוועזענד פון פערשידענע שטעדט (וויעלון, ראדאמסק, פיינטשנא) איז געלונגען דאס פייער איינצולעשען.

פון דער שרפה האט נישט געליטען קיין איין יוד.

**וויעלונער יודען!**

**גרייט אייך צו די וואהלען פון יודישען וועלט-קאנגרעס, וועלכע קומ'ען פאר זונטאג, דעם 26 ד. ח.**

## די קאנסטיטואירענדע זיצונג פון לינת-הצדק

זונטאג איז פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע זיצונג פון דער נייגעוועהלטער פערוואלטונג פון לינת-הצדק.

עס איז געוועהלט געווארען אלס פרעזעס ה' יעקב הירשבערג, וויצע—אליצור לוסאק, קאסירער—אברהם ראגאווסקי, סעקרעטאר—הענעך קרימאלאווסקי, אין דער ווירטשאפטס-קאמיסיע זענען אריין: אברהם יאקובאוויץ, ש. ל. געלבארד, יחיאל יאכימאוויטש, ראובן הערשבערג, מלך וואלעצקי, שמואל יעקב שפיגעל, דוד מאסלא. ס'איז אויך געוועהלט געווארען א פינאנץ קאמיסיע.

## דער אורחים-שטראם זיך נאכמעהר פערשטארקט

דער פערשטארקטער אורחים שטראם האלט ווייטער אן. בלויז פון זונטאג ביז מיטוואך זענען געוועזן עטליכע אכציג אורחים

ביי דעם וואס עס ווערט שטארק געריסען פון בעשטימטען אבפערטיגגעלד, אזוי אז די אורחים ווערען שטארק בע'עולה'ט, געניגט נישט דאס וואכען געלד, און עס איז שטארק בעדראהט דאס ווייטערע אבפארטיגען די אורחים.

## אבשלוס פון דער שקל-אקציע

דערמיט מעלדען מיר די אלע ארגאניזאציעס, וואס האבען גענומען שקלים צום פערקויפען, דאס דער אבשלוס פון דער שקל-אקציע קומט פאר דעם 20-טען יולי.

ביז'ן דאזיגען טערמין מוז דאס געלד ווי אויך די תלושים איבערגעגעבען ווערען דעם ה' יחיאל עפשטיין שלאנסקא גאס (קאלאניאל געוועלב).

דער שקל-קאמיטעט.

## צו דער וויעלונער בעפעלקערונג

אזוי ווי די היגע קבוצה איז געווארען ליקווידירט און איך בין געבליבען אין וויעלון, ווענד איך זיך צו אייך, דאס ווער עס וועט דארפען שטעלען אויוועגס, קוכען אדער רייבעווען שטובען, זאל זיך צו מיר ווענדען. מיין ארבייט איז בעקאנט אין שטאדט. אלע זענען העכסט צופרידען.

איך האף דאס איהר וועט געבען אנ'איינציגען זהון אין שטאדט די מעגליכקייט צו עקזיסטירען און מיך אונטערשטיצען מיט ארבייט.

מיין אדרעס: דוד זיסקינד, אווגוסטיאנער 6 ביי ה' משה קאניארסקי.

## א גלח, וואס העלפט שלעפען קונים.

דינסטאג האט זיך בעוויזען עפיס א יונגער גלח צווישען די פוילישע סטראגאנעס, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט ביי יעדען פוילישען סטראגאן אנזאגענדיג נישט איינצוקויפען ביי יודען.

בעזונדערס האט ער זיך משמה געווען מיט'ן פוילישען טאנדייטער, געהאלפען איהם פערקויפען, אוועקגערופען קונים פון יודען א. ד. גל.

## אבגעפאהרען אויף אורלויב

סטאראסטא ה' ניזשארקאווסקי איז אבגעפאהרען אויף א 4-וואכענדיגען אורלויב. עס פערטרעט איהם וויצע-סטאראסטע קרושישאנאווסקי.

אויך איז אבגעפאהרען דער אינספעקטאר פון דער זעלבסטפערוואלטונג ראדאמיסקי. עס פערטרעט איהם וויצע-אינספעקטאר קרוק.

## געשאסען אויף גרעניץ-שמוגלער

די טעג האט די גרעניץ וואך געשאסען אויף צוויי שמוגלערס און שווער פערוואונדעט דעם 25-יעהריגען סטאניסלאוו פיעטראן, וועלכער איז געברענגט געווארען אין היגען שפיטאל אין א שווערען צושטאנד.

## צוויי אנווייזונגען.

1) דער ספארט-פארק איז לא די וואס ס'איז א מהלך רב אהינצוגעהן, איז נאך דאס ערשט טהירעל פערמאכט, אזוי אז מען מוז נאך אבגעהן א מהלך ביז מען דערלעבט צו זעהען דאס צווייטע טהירעל.

צי וואלט נישט געווען די העכסטע צייט צו עפנען דאס ערשטע טהירעל?

2) דער ראד-פערקעהר אויף דער נארוטאוויטשא גאס איז א געוואלטיגער. עס קומט אפט צו צוזאמענשטויסען, בפרט ביים רוג נייער מארק. אויך בעקלאגען זיך אויפ'ן שטארקען גערויש און הארמידער די איינוואוינער פון יענער גאס, נישט קענענדיג איינשלאפען.

עס פרעגט זיך, צי וואלט נישט גלייך געווען צו רעגולירען דעם ראד-פערקעהר, אז די וואס פאהרען פון נייער מארק צום פלאץ לעגיאנוב זאלען פאהרען דורך נארוטאוויטשא און די צום נייעם מארק זאלען געהן דורך אווגוסטיאנער גאס?

**LEKARZ DENTYSTA**
**D. GLIKSON**
**przeprowadził się**
na ul NARUTOWICZA 6 I piętro
(dawniej Fabryczna)
przyjmuje w dnie powszednie
o 9 do 8 w., w niedzielę i święta
od godz· 10 rano do 4 po poł.
Warunki dogodne.
Przy gabinecie czynna specjalna pracownia sztucznego uzębienia W nagłych wypadkach udzielana być może pomoc bez względu na porę nocną lub dzień świąt·

## שטרייק פון וועש-נייערינס.

צוליעב די גאר קליינע לוינען, וואס ווערען געצאהלט פאר וועש נייען, האבען די נייערינס אבגעשטעלט א שטרייק. נאך 5 טאג שטרייקען האבען זיי בעקומען א הוספה. די כאלופניקעס — ביז 100 פראצענט, די וואס ארבייטען ביי די מייסטערס האבען בעקומען פון 25 ביז 50 פראצענט.

## חורבנות פון שטורם אנגעמאכט

דער יענע וואכעדיגער שרעקליכער שטורם, וועלכער איז צימליך בשלום אדורכגעגאנגען וויעלון, האט אין די ארומיגע דערפער אנגעמאכט שרעקליכע חורבנות, אין מענשען און פערמעגענס. אזוי האט א דונער אנגעשלאגען אין דארף ווירזשכלאס אין הויז פון פויער פראנטשישעק וואלני 33 יאהר אלט, דערהרגענדיג איהם אויפ'ן ארט און פערברענט דאס הויז.

אין ביאלא איז געווארען בעת א שרפה וואס איז אויסגעבראכען פון א דונער, שווער אבגעבריהט דער 14 יעהריגער קאזשימיערזש גזשעלאק, וועלכער געפינט זיך אין היגען שפיטאל אין א האפנונגסלאזען צושטאנד.

אין דארף קאוואלא זענען פון א דונער געהרגעט געווארען בהמות.

אין דארף לאשעוו זענען פערברענט געווארען א רייהע הייזער און א סטאדאלע.

אין דארף זאפאל זענען עטליכע פויערים געווארען קאנטוזירט. איינער איז זאגאר געווארען שטום.

אין א רייהע אנדערע דערפער, האט דער שטורם אנגעמאכט גרויסע היזקות.

## דערטרינקען געווארען

אין דארף טשאסטאר איז בעת'ן באדען זיך אין דארטיגען באסיין יוזעפאוו, דערטרינקען געווארען דער 37-יעהריגער יוזעף ביאלעק, א באהן-בעאמטער אויף דער דארטיגער סטאציע.

## געשטארבען אין צוג.

אויף דער באהן-סטאציע אין וויעלון איז אין א פערזאנען-צוג געשטארבען דאס 6 חדשים'דיגע קינד פון פארפאלק לוקאמסקי, וועלכע האבען זיך צוריקגעקעהרט פון פראנקרייך.

די עלטערן האבען איבערגעריסען די רייזע און נאכ'ן ערלעדיגען די פארמאליטעטען — דאס קינד קובר געווען אויפ'ן וויעלונער צמענטאזש.

# א יודישער הויז-בעזיצער סטראשעט צו עקסמיטירען די חברה-קדישא

## ער קען נישט צוקוקען מען זאל אין זיין הויז טיילען ברויט ארימע יודען.

די היגע חברה קדישא פערנעהמט, ווי בעוואוסט, א גרעסערן לאקאל אויף בערקא יאסעלעוויטשא 5, און הויז פון יודישען סוחר ה' אברהם גאנזוועג. מיט אנ'ערך 2 יאהר צוריק האט די פערוואלטונג פון דער „תומכי עניים" זיך געוואנדען צו דער חברה-קדישא, אז די לעצטע זאל ערלויבען צו פערטיילען אין איהר לאקאל ברויט און חלות פאר די עטליכע הונדערט בכבוד'יגע יודען, וועלכע געניסען פון דער דאזיגער אינסטיטוציע. די פערוואלטונג פון „תומכי עניים" האט דערביי אנגעוויזען, אז זייער אינסטיטוציע וויל איינשפארען יעדע הוצאה אויף אדמיניסטראציע-אויסגאבען און דערצו איז איהר נאר נויטיג דער לאקאל בלויז עטליכע שעה יעדען שבת. די חברה קדישא איז טאקי גאכגעקומען די דאזיגע נערעכטע בקשה און זייט דאן קומט פאר די פערטיילונג פון ברויט אין דערמאנטען לאקאל.

דאס קען אבער נישט צוזעהען דער ווירט פון הויז, וועלכער האט זיך געוואנדען צו דער חברה קדישא, זי זאל נישט דערלאזען דער „תומכי עניים" פיהרען דארט קיין טעטיגקייט. מעגליך, אז זיין „ווייך" הארץ קען נישט צוזעהען, ווי עס קומען „נעביך" אין זיין הויז אריין בכבוד'ע מענשען, וואס מוזען צוליב זייער שווערען מצב אנקומען נאך א ברויט אדער חלה...

האט דער ווירט, וועלכער איז אפילו אליין א מיטגליד פון דער חברה-קדישא אזוי לאנג געהאלטען אין איין איבער'חזר'ן זיין פאדערונג, ביז מיט עטליכע טעג צוריק האט זיינס אנ'אדוואקאט צוגעשיקט דער דערמאנטער חברה א בריוועלע, אין וועלכען ער ערקלערט, אז אויב ס'וועט גלייך נישט אבגעשטעלט ווערען די פערטיילונג פון די לעבענסמיטעל-פראדוקטען, וועט ער זיך בעמיהען ארויסצובעקומען אויף דער חברה אנ'עקסמיסיע.

ס'וואלט אפילו אינטערעסאנט געוועזען צו זעהען, ווי אזוי א חברה-קדישא-מאן ווארפט ארוים פון זיין הויז די חברה-קדישא, אבער סיי-ווי איז די דראהונג פון דאזיגען הויז-בעזיצער אנ'אונגערהערטע.

# בילינגער געמאכט די פרייזען פאר שחט'ען עופות.

די קהלה-פערוואלטונג, רעכנענדיג זיך מיט דער יעצטיגער שווערער צייט, האט בעשלאסען צו פערביליגערן דעם פרייז פון שחיטת-עופות. פון א קורטשאק וועט קאסטען 15 גראשען (פריהער 20), א הוהן און ענט — 20 גר. (פריהער 30), א גאנז — 40 גר. (פריהער 60) און אנ'אינדיק 60 גר. (פריהער 1 זל.).

די נייע פרייזען זענען גילטיג פון קומענדיגען זונטאג אן.

דער דאזיגער שריט פון דער קהלה-פערוואלטונג איז ווערט בעגריסט צו ווערען.

פון ראבינאט בעט מען אונז דערביי צוצוגעבען, דאס ס'איז צו ערווארטען, אז די מענשען, וועלכע האבען ביז יעצט געשאכטען ביי די פערשידענע „לינקע" שוחטים צוליב'ן תירוץ, אז דער פרייז פון דער קהלה'שער שחיטה איז צו טייער — וועלען פון יעצט אן שחט'ען נור אין קהלה-שחט-הייזעל און דאדורך אויסמיידען צו עסען פון גע'אסר'טער שחיטה.

## ווענען א חזן פאר דער שטאדט-שוהל.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג איז בעטראכט געווארען דער ענין וועגען אנגאזשירען א חזן פאר דער שטאדט-שוהל. פרעזעס ראזענבערג האט אינפארמירט די אנוועזענדע וועגען פארגעקומענעם קאנקורס פון א חזן אויפ'ן דאזיגען פאסטען. דאן איז בעשלאסען געווארען צו נעמען אין בעטראכט די קאנדידאטען פון די דריי חזנים: קאמיעניצקי פון פיעטרקאוו, כאלעווא פון וולאצלאוועק און סאפיר פון ווארשא.

אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען די דאזיגע דריי חזנים איינגעלאדען געווארען צו דאווענען אלס לעצטע פרובע אין דער שוהל, בעת וועלכער ס'וועלען אויך אנוועזענד זיין די פארשטעהער פון דער קהלה.

נאך די דאזיגע פרובען וועט די קהלה ענדגילטיג אנגאזשירען א חזן פאר דער שטאדט-שוהל.

——————

היינט, פרייטאג צו נאכטס און מארגען שבת וועט אין הסכם מיט'ן קהלה בעשלוס דאווענען אין דער שטאדט שוהל דער בעקאנטער חזן און קאמפאזיטאר ה' קאמיעניעצקי פון פיעטרקאוו.

## נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

גרשון איצקאוויטש 5 זל.
עמנואל הויפטמאן 5 קילא ברויט.

## פראצעס פאר נישט אבהיטען דאס אויטארען-רעכט.

ריכטער מילער האט בעטראכט די אנקלאגע פון לידלעך-פערפאסער שלעכטער פון ווארשא, וואס איז געווארען אונטערשטיצט דורכ'ן „זאאיקס" (פערא'יין פון ארטיסטען און סצענישע קאמפאזיטארען) געגען וואלף ווייס און אברהם העלפגאט, אייגענטימער פון דער דרוקעריי „שטוקא" פאר איבערדרוקען זיינע לידלעך אין דער פארם פון א בראשור און פערקויפען זיי צו גאסען-קאלפארטערען.

שלעכטער האט זיך וועגען דעם דערוואוסט און געגען דער דערמאנטער דרוקעריי אריינגעטראגען אנ'אנקלאגע. דער לייטער פון דער פירמע האט זיך פערטיידיגט, אז די דאזיגע בראשורען זענען געווארען געדרוקט אויף א בעשטעלונג.

דער ציוויל-מאהנער האט אין זיין רעדע ארויסגעריקט די מאטיוון פון נישט-עהרליכען אונטערגראבען דאס אויטארען-רעכט דורך ארויסקרומען דעם אינהאלט מאכען פיעל ארטאגראפישע פעהלערן. ער האט דעריבער פערלאנגט שטרענג צו בעשטראפען די שולדיגע, טראץ דעם, וואס אינ'ם דאזיגען פראצעס קען אנגעוואנדען ווערען די אמנעסטיע, כדי די שטראף זאל זיין א ווארנונג אויף דער צוקונפט.

דאס געריכט האט יעדען פון די אנגעקלאגטע פער'משפט צו 100 זלאטעס שטראף אדער 10 טעג ארעסט און די שטראף אויפ'ן סמך פון דער אמנעסטיע זיי געשענקט.

## אומגליקס - פארפאלען בשעת דער ארבייט ביי א פאבריקס-קוימען.

עהרענעכטען ארום 1 א זייגער מיטאג איז דער 19-יעהריגער העניק קוביי געווען בעשעפטיגט אויף דער רושטאוואניע ביים קוימען פון דער גנאשינער מאנופאקטור-פאבריק. צוליב אונפארזיכטיגקייט האט ער זיך געשטעלט אויפ'ן ברעג פון א ברעט, וועלכעס האט זיך איבערגעוואויגען און קוביי איז געבליבען הענגען אויפ'ן שוך פאסעק, ביי וועלכען דאס רעדעל האט געפלאצט און דער ארבייטער איז אראבגעפאלען אויף דער ערד.

אין א געוויסער צייט שפעטער איז אויף א העכערער רושטאוואניע ארויף וואלענטי קאלבאשינסקי, כדי פארטצוזעצען די ארבייט און אינ'ם מאמענט ווען ער האט זיך געשטעלט אויף די ברעטער, נישט בעווייזענדיג זיך צו פערזיכערן מיט'ן שוך-פאסעק איז ער צוליב דעם וואס פון קוימען איז ארויסגעפאלען א האק, וואו ס'איז געווען צוגעפעסטיגט די רושטאוואניע, אראבגעפאלען אויף דער ערד.

דער דאקטאר האט ביי קוביי'ן פעסטגעשטעלט לייכטע וואונדען, דאגעגען קאלבאשינסקי האט צובראכען דעם רעכטען פוס און בעקומען אינערליכע וואונדען.

## [illegible] שקל-קאמיטעט

אלע פארטייען און סניפים, וועלכע האבען גענומען צו פערשפרייטען שקלים, ווערען אויפגעפאדערט צום לעצטען מאל אומבעדינגט ביז'ן 20 ד. ח. צו ליקווידירען די היי-יאהריגע שקל אקציע און ארויפצוברענגען די געלדער מיט די נושביעטען אין סעקרעטאריאט פון שקל-קאמיטעט ביי דער ציונ. ארג. יעדען טאג פון 8 ביז 10 אוועגד, אין געגענפאל וועלען מיר זיין געצווינגען צו בעריכטען וועגען דעם אין צענטראלען שקל-קאמיטעט אין ווארשא.

## די היגע טרעגער און טראנספארט-ארבייטער זיך פעראייניגט

די היגע טרעגער-ארבייטער, וועלכע זענען געווען ביז יעצט צושפליטערט, האבען זיך נאך לאנגע קאנפערענצען און אונטערהאנדלונגען צוריק פעראייניגט אין איין פראפ. פעראיין, וועלכער געפונט זיך אין לאקאל פון דער רעכטער „פועלי-ציון".

דער פעראיין נעמט ארום אלע סעקציעס, ווי: האנד-וועגעלעך, פורמאנעס, טראנספארט-ארבייטער א. אנד. נאכ'ן אויסוועהלען א פראוויזארישע קאמיסיע, וועלכע האט געדארפט צוגרייטען די אלגעמיינע פערזאמלונג ווי אויך אנפיהרען מיט דער צייטווייליגער ארבייט—איז פערגאנגענע וואך פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען איבער 100 טרעגער-טראנספארט-ארבייטער און ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג, וועלכע פיהרט אנ'אינטענסיווע ארבייט צו פערבעסערן די לאגע פון די טראנספארטלער, וועלכע געפונען זיך לעצטענס אין א גרויסער נויט.

## געשאפען א נאציאנאלער בלאק צו די בעפארשטעהענדע קהלה-וואהלען

ווי מיר דערוויסען זיך איז אין אונזער שטאדט געשאפען געווארען א נאציאנאלער בלאק צו די קהלה-וואהלען פון פאלגענדע ציוניסטישע פארטייען: אלגעמיינע ציוניסטען, פון וועלט-פעראייניגונג און וועלט-פערבאנד, רעוויזיאניסטען, יודענשטאטס-פארטיי און התאחדות.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם דאזיגען קומט פאר שבת צו-נאכט'ס דעם 18-טען ד. ח. 9 א זייגער אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אלעע 10 א דיסקוסיאנס-אווענד א. ד. ט.. „די אויפגאבען פון דער קהלה".

## קאמוניקאט פון „אחדות ישראל" ביי דער נ. צ. א.

אונטער'ן פארזיץ פון ח' האלאנד איז פערגאנגענע וואך זונטאג אין אייגענעם לאקאל אלעע 8 פארגעקומען די ענדגילטיגע נרינדונגס - פערזאמלונג, אויף וועלכער עס איז אויסגעוועהלט געווארען א ועד, וועלכער איז שוין צוגעטרעטען אינטענסיוו צו דער ארבייט. דער סעקרעטאריאט איז טעטיג אין אייגענעם לאקאל יעדען אווענד פון 8 ביז 10.30.

ביום השבת בשעה 3 אחר הצהרים תתקיים שיחה עברית תחת הנהלת ה' פרופ. וינברג.

## פון אמסטאוו.

שבת אין אווענד איז אין אונזער שטאדט פארגעקומען א זיצונג פון פעראייניגטען קאמיטעט פאר'ן יודישען וועלט קאנגרעס. אלס פרעזעס איז געוועהלט געווארען ה' ישראל בראונער, סעקרעטאר — שמואל מיטעלמאן און אלס קאסירער — מרדכי גאלדבערג. אויסער דעם זענען אין קאמיטעט געוועהלט געווארען די ה"ה: אברהם וואלפאוויטש, דוד ווארשאווסקי, דוד הויפטמאן און יצחק סטאראזום.

עס איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען צו ענערגישער ארבייט, איבערצושיקען די בעריכטען אין דער צענטראלע, ווי אויך צו פערלאנגען פון דער צענטראלע פראפאגאנדע-מאטעריאל.

דערוצלבער קאמיטעט האט אויך בעשלאסען אונטערצונעמען א זאמעל-אקציע לטובת די יודען פון מינסק-מאזאוויעצק, וועלכע זיי האפען אדורכצופיהרען מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

א. וו—טש.

## פון „תרבות"

זונטאג, דעם 19 ד. ח. 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר די אלגעמיינע פערזאמלונג פון היגען „תרבות"-סניף אין דער ציונ. ארג. אלעע 10.

## יודישע פארבען - סוחרים אויף דער וואך פון זייערע אינטערעסען.

שוין אין דער נאהנטסטער צייט וועט אנגעווענדעט ווערען מיט דער גאנצער שטרענגקייט דאס געזעץ פון יאהר 1844, וואס זעהט פאר, אז יעדער איינציגער, וואס פערנעמט זיך מיט פארבען-מסחר, מוז בעלייגען אנ'עקזאמען און ארויסבעקומען א דיפלאם. מחמת דעם האט דער עקזעקוטיוו פון צענטראלען דעטאליסטען און קליינהענדלער - פערבאנד ארגאניזירט פאר די יודישע פארבען-סוחרים פון ווארשא און פראווינץ קורסען אונטער דער לייטונג פון מאגיסטער-כעמיע ה' י. פינקלער. ביז'ן היינטיגען טאג האבען שוין דורכגעמאכט די קורסען און ארויסבעקומען דיפלאמען העכער 400 פארבען-סוחרים.

נעמענדיג אין אכט דעם יעצטיגען מאמענט צו בעלייגען עקזאמענס, האט דער קליינהענדלער-פערבאנד בעשלאסען צו עפענען זונטאג, דעם 19-טען יולי ה.י. 10 א זייגער פריה א דריטען פארטאגיגען צוגייטונגס-קורס פאר יודישע פארבען-סוחרים פון דער פראווינץ.

יעדער, וואס וויל זיך בעטיילען אין דעם קורס, דארף וועגען דעם תיכף, בריוולין אדער פערזענליך, מיטטיילען דעם צענטראלען דעטאליסטען און קליינהענדלער-פערבאנד (ווארשא, לעשנא נר. 40), אנגעבענדיג זיין נאמען, פאמיליע-נאמען און גענויען אדרעס.

## יוד. סאצ. ארב. פארטיי „פועלי ציון" (צ. ס.) נייער מארק 2

שבת, דעם 18-טען ד. ח. 4 נאכמ. קומט פאר אין בארכאוו-היים א חברים פערזאמלונג געווידמעט די פייערליכע פראקלאמירונג פון דער וואהל קאמפאניע צו דער קהלה.

וועגען דער וואהל-פלאטפארם וועלען רעפערירען די ח"ח: סאק, שטרויס, יוריסטא און וואטענבערג.

זונטאג, דעם 19-טען ד. ח. 8 אווענד קומט פאר א קאלעקטיווער חברים שמועס איבער די אויפגאבען פון יוד. וועלט-קאנגרעס מיט'ן אנטייל פון די ח"ח: סאק און שטרויס.


Szczepienie ochronne przeciwko ospie świeżą krowianką codziennie

Starszy felczer

ST. MITTLER

Piłsudskiego 7

tel. 18-04.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

KINO „EDEN".

נייעסטער היי-יעהריגער פאקס-פילם!

TAJEMNICE RULETKI

אין די הויפט-ראלען:

די שעהנע זשאן בענעט און ראלאנד קאלמאן

אויסער'ן פראגראם: אקטואליען.


## פאר בעזיצען א קאסטעט.

די פאליציי האט צונויפגעשטעלט א פראטאקאל אויף מאריאן דודעק פון ווילעלונער מארק 37 פאר ארומטראגען א קאסטעט, וואס דינט ספעציעל צו מאכען קערפערליכע בעשעדיגונגען.

# פון ספארט

## „הכח" — „בלענקיטני" 3:5

פערגאנגענעם זונטאג האט דער היגער „הכח" געשפילט א פוטאל-מעטש אין וויטשערפ מיט'ן דארטיגען „בע"-קלאסיגען „בלענקיטני". פון אנהויב נעמט די איניציאטיוו איבער „בלענקיטני" און בעדראהט דאס טויער פון „הכח". אין רעזולטאט דערפון פאלט טאקי אין דער 20-טער מינוט דאס ערשטע טויער. די „הכח"-שפילער וועקען זיך איבער פון דער אפאטיע און נאך אנ'אנגריף גלייכען זיי אויס אין 8 מינוט שפעטער. ביז דער פויזע געלונגט נאך „בלענקיטני" צו שיסען דאס צווייטע טויער.

אין דער צווייטער העלפט שפילען די הכח'אנער פיעל בעסער און בעלאגערן דעם געגנער'ס טויער, ערצילענדיג אין די לעצטע 20 מינוט אזש 4 טויערען און „בלענקיטני" שיסט נאך 1 טויער. מיט'ן רעזולטאט פון 3:5 לטובת „הכח" ווערט דער מעטש פערענדיגט.

## גימנאסטיק פאר קינדער.

דער יודישער טורן-און ספארט-פעראיין „מכבי", פערשטעהענדיג די בעדייטונג פון דער פיזישער ענטוויקלונג פאר דעם יונגסטען דור, האט ארגאניזירט א גימנאסטישע מוסטער-סעקציע פאר קינדער ביז 12 יאהר.

3 מאל וועכענטליך וועלען די קינדער אונטער דער אנפיהרונג פון קוואליפיצירטע אינסטרוקטארען האבען די מעגליכקייט צו פערברענגען אויפ'ן ספארט-פלאץ פון פעראיין און צו געניסען פון דער וואוילטהאט פון ספארט.

די דאזיגע עלטערן, וואס ווילען, אז זייערע קינדער זאלען אנגענעהם און געזונד פערברויכען די פרייע צייט אונטער א זארגפעלטיגער און פעראנטווארטליכער אויפזיכט, דארפען גלייך זיך ווענדען נאך אינפארמאציעס אין סעקרעטאריאט פון „מכבי", קאטעדראלנע 13, וואו ס'ווערען אויך אנגענומען די איינשרייבונגען אין דער קינדער-סעקציע.

## „סקרא" — „מכבי".

מארגען, שבת, דעם 18 יולי קומט פאר אנ'אינטערעסאנטער פוטבאל-מעטש צווישען היגען וויצע-מייסטער „סקרא" און „מכבי".

„סקרא" שטעלט ארויס אויפ'ן דאזיגען מעטש דעם בעסטען „א" קלאסיגען צוזאמענשטעל, וועלכער האט זיך מיט זיין אמביציעזען שפילען ערווארבען די אנערקענונג פון פובליקום.

דער דאזיגער אינטערעסאנטער מעטש הויבט זיך אן 5 א זייגער נאכמיטאג אויפ'ן ספארט-פלאץ פון „מכבי", יאסקראווסקא גאס.

3 נאכמיטאג קומט פאר א פארמעטש צווישען „סקרא" 3 און „מכבי" 2 וועגען מייסטערשאפט פון קלאס „צע".

## די באקסער - סעקציע פון „מכבי".

די לייטונג פון דער טעטיגער באקסער-סעקציע פון „מכבי" האט פעסטגעשטעלט דעם טערמין פון אנהויבען די טרעניגנגען אויפ'ן 1-טען שערפיען ה. י. צו דעם צוועק איז אויך אנגאזשירט געווארען א ספעציאליסט—טרעניוער.

איינשרייבונגען אין דער דערמאנטער סעקציע נעמט אן דער סעקרעטאריאט פון „מכבי", קאטעדראלנע 13 פון 8—10 אווענד.


Kino „LUNA"

היינט!

SEKRETY Marynarki Wojennej

אין די הויפט - ראלען: ראבערט טיילאר און זשאן פארקער.

איבער'ן פראגראם: קלאנג = צוגאבען.



Redaktor i wydawca B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6